UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 141 - Spring 2003 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/14x5k5k3

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 141(1)

**Publication Date**
2003

**Copyright Information**
Copyright 2003 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org
Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 141

**פרילינג**
**תשס"ג**

**SPRING**
**2003**

# אינהאַלט


מ. ש.: מיט טרויער און שטאָלץ ........ 3
א. סוצקעווער: ליד ........ 5
מ. עדעלמאַן: אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן ........ 7
י. קאַצענעלסאָן: ליד ........ 13
ד. וואָלפּע: ליד ........ 15
צ. לובעטקין: די לעצטע אויפן מויער ........ 16
ע. עמיאל: ליד ........ 20
מ. סקלאַרעוו: אַן אָפּגעפּונענער זיידע ........ 21
מ. שקליאַר: דער גורל פון יידישן שרייבער אין געטאָ ........ 25
ר. באַסמאַן בן־חיים: ליד ........ 32
ב. שעכטער־גאָטעסמאַן: ליד ........ 32
ל. באַראָוויק: ליד ........ 33
ל. מייזנער: שאָטנס מיינע ........ 34
צ. אַייזנמאַן: אַ שטים האָט אים גערופן ........ 37
מ. וואָלף: וועגן דעם הימען "התקוה" און זיין מחבר ........ 41
מ. שקליאַר: לידער ........ 46
מ. (בן שלמה) וואָלף: "הבימה" - פון רוסלאַנד ביז ישראל ........ 48
ע. טעלעראַנט: ליד ........ 52
פּ. פּלאָטקין: לידער ........ 53
מ. אייזענבוד: בעמוד אש (דערציילונג) ........ 54
ע. פישבין: פיר סוטין־פּאָרטרעטן פון מאָדיליאַני ........ 59
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 64
נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 66
לילקע: שלום קריסטאַל ז"ל ........ 67



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# חשבון

**נומ. 141**

**פעריאָדישע שריפט**

פאַר ליטעראַטור און

קולטור־פּראָבלעמען



**משה שקליאַר:**

רעדאַקטאָר

**ישראל גובקין:**

מיטרעדאַקטאָר



**פאַרוואַלטונג מיטגלידער:**

**נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.**

**צבי הירש, פאַרוואַלטער**

**זעלדע מאַלעוויטש**

**לילקע מייזנער**



**58־ער יאָרגאַנג, נומער 141 • פרילינג 2003 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**


# מיט טרויער און שטאָלץ




ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות הענגט נאָך איבער אונדז דער שוואַרצער וואָלקן פון מלחמה, און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. עס קאָן גאָר זיין, אַז ווען אונדזערע ווערטער וועלן דערגיין צום לייענער, וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. דאָס פאַרגאָסענע בלוט וועט שוין זיין פאַרטריקנט און מען וועט שוין ציילן די קרבנות. אָבער די סכנה פון טעראָר און אַלע זיינע פאָלגן וועט נישט האָבן פאַרשוווּנדן, ווי עס זענען נישט פאַרשוווּנדן די פאָלגן פון דעם בלוטיקן טעראָר־אַקט פון 11־טן סעפּטעמבער 2001, וואָס האָט צעטרייסלט דעם גאַנצן וועל־סדר.

אין אָט די שווערע טעג וועלן מיר אָפּמערקן צוויי דאַטעס וואָס האָבן געהאַט אַן אַנטשיידנדיקן באַטייט פאַר אונדזער פאָלק: זעכציק יאָר זינט דעם העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז געוואָרן אַ סימבאָל פון קאַמף און גבורה, אַ דערמאָנונג פונעם חורבן, פון די זעקס מיליאָן יידן־קדושים וואָס זענען אומגעקומען אין נאַצישן גיהנום־פייער; און פינף און פופציק יאָר זינט דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל ווי אַן אומפּאָהענגיקע

יידישע מלוכה, וועלכע איז אויפגעקומען אויף די אַשן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

טרויער און שטאָלץ וועלן זיך איבעררופן מיט איינאַנדער. ווי אַלע מאָל אין די דאָזיקע טעג וועלן מיר שטיין מיט געבויגענע קעפּ פאַר די אומבאַקאַנטע קברים פון די אומגעבראַכטע יידן אין די געטאָס און נאַצישע טויט־לאַגערן, דערמאָנענדיק דערביי מיט שטאָלץ און באַוווּנדערונג די העלדן און מאַרטירער, די אַלע וואָס האָבן אין די שווערסטע באַדינגונגען פון נאַצישן טעראָר, הונגער און עפּידעמיעס אויפגעהויבן די פאָן פון פיזישן און גייסטיקן ווידערשטאַנד און קאַמף אין די געטאָס און פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילן אין די וועלדער פון פּוילן און ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע; די יידישע זעלנער וואָס האָבן העלדיש געקעמפט אין די אַליאירטע אַרמיען פון מיזרח און מערב קעגן נאַצישן שונא; יענע אַלע וואָס האָבן געקעמפט "פאַר אונדזער און אייער פרייהייט", פאַר דעם כבוד פון יידישן פאָלק.

מיט באַזונדערן שטאָלץ וועלן מיר אָפּמערקן דעם פריידיקן יובל - פינף און פופציק יאָר זינט דער פּראָקלאַמירונג, אין מאַי 1948, פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער מלוכה - מדינת ישראל. מיר פרייען זיך און זענען שטאָלץ מיט די דערגייכונגען אין דער בויונג פונעם לאַנד, וואָס איז פון אַ וויסטעניש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיקן אינדוסטריעלן און לאַנדווירטשאַפטלעכן צענטער אין מיטעלן מיזרח און אַריינגענומען פאַר דער צייט מיליאָנען יידן פון גאָר דער וועלט, און באַזונדערס די שארית הפליטה, די אָפּגעראַטעוועטע פון חורבן. אָבער באַלד ווערט די פרייד און שטאָלץ פאַרשאָטנט פון דער דערמאָנונג וועגן די קרבנות, וואָס זענען געפאַלן סיי אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, און סיי אין די שפּעטערדיקע מלחמות, וואָס האָבן צוגערויבט אומצאָליקע יידישע לעבנס. און צו די מלחמות נעמט אַלץ נישט קיין סוף, זיי האָבן נאָר אָנגענומען אַנדערע פאָרמען - פאָרמען פון בלוטיקן טעראָר, פון איין "אינטיפאַדע" און אַ צווייטער, וואָס ווערט אונטערגעהעצט פון עקסטרעמען רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

מיט אומרו און האַרצווייטיק אָבסערווירן מיר דעם געראַנגל פון יידישן ציבור אין מדינת ישראל פאַר זיין עקזיסטענץ, פון וועלכער עס איז אויך אָפּהענגיק, אין אַ גרויסער מאָס, אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק אין דער צעשפּרייטקייט. מיר ווייטיקן צוזאַמען מיט יידישע טאַטע־מאַמעס אין ישראל פאַר יעדן פאַרגאָסענעם טראָפּן בלוט פון יונגע יידישע קינדער, און עס טוט אויך וויי דאָס האַרץ ווען יונגע יידישע זעלנער פון צה"ל מוזן, אין פאַרטיידיקונג פון זייער לעבן, פון זייערע היימען, פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַנדערע. בלוט איז בלוט... און בלוט טוט וויי!

מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט טיילט אונדז אָפּ פון די צוויי היסטאָרישע דאַטעס, וואָס מיר מערקן אָפּ היינטיקן פרילינג. נאָך מער, מיר זענען אריבער די שוועל פון אַ נייעם יאָרהונדערט, דעם 21־סטן, און ווי ווייניק האָט זיך די וועלט געביטן! ווידער זענען דאָ און דאָרט פאַראַן נעסטן פון אַנטיסעמיטיזם, און יידישע לעבנס זענען באַדראָט אין פאַרשיידענע עקן וועלט, פון אַרגענטינע ביז פראַנקרייך, דעם וויגעלע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

אברהם סוצקעווער

# ביסט געקומען אַ נאַקעטער

ביסט געקומען אַ נאַקעטער,
אין גאַנצן אין פייער.

דיינע בגדים -
פון מאַמישע פינגער גענאָדלט,
ווי שפילנדיק פיאַנאָ אויף סאַמעט און זיידנס -
פאַרסמאַליעטע זענען געפאַלן אין שאָטן.
די נאָדלען, די נאָדלען -
זיי האָסטו פאַרהיט.

ביסט געקומען אַ נאַקעטער.
ס'איז דיין אַליינקייט
כולל די גאַנצקייט פון כמה וכמה.
אין איין אויג - אַ וואָלף,
אינעם צווייטן - דיין מאַמע.
וועסט זיי שויןביידן
ניט קאָנען צעשיידן.

ווער קאָן באַקליידן
דיין גוואַלדיקע הוילקייט?
אַפילו ווען ס'וואָלט דיך באַגעגנט ישעיה

←

---

אַזש ביז דעם ווייטן אויסטראַליע. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך נייע חורבן-פאַרלייקענער, וועלכע האָבן גוטע אָפנעמער צווישן די נעאָ-נאַציס און "גאָלע" קעפּ. און אויב נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, בעת דעם אויפקום פון מדינת ישראל האָט זיך געדאַכט, אַז מער קיין מלחמות וועלן נישט זיין, אַז די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה, נאָכן נצחון איבער די פאַראייניקטע אַראַבישע אַרמייען, וועט זיין געזיכערט, איז די יידישע מדינה אַלץ מער און מער באַדראָט, באַזונדערקט איצט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער טעראָר האַלט זיך אין איין פאַרשטאַרקן און דער וועלט-שלום הענגט אויף אַ האָר.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען קומט אונדז אויס, מער ווי שטענדיק, אָנצוגורן אונדזער פאָלקס-זיכרון און דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט, די יידישע קרבנות, די העראָישע מאַרטירערס און קעמפּערס פון די געטאָס און פון צה"ל, די יידישע זעלנער, וועלכע שטייען אויף דער וואַך פון דער יידישער מדינה. דערביי וועלן מיר קוקן מיט האָפענונג אין דער צוקונפט, פאַרבינדנדיק אונדזער האָפענונג מיט אַלע פרייהייטלעכע און שלום-ליבנדיקע כוחות אין דער וועלט.

מיט אָט דער האָפענונג גיבן מיר אָפּ צום לייענער דעם נייעם נומער "חשבון", וועלכער איז טיילווייז געווידמעט ביידע היסטאָרישע דאַטעס.

מ.ש.

-ער וואָלט מיט אַראָפּגעלאָזט בלייענע וויעס
און ליפּן פֿאַרשעמטע
געבראַכט זיין נביאות.
טאָ מאָן ניט קיין טרייסטונג
ביים אייגענעם ברודער.
צווישן אייך ביידן ליגט אַ וואַרשעווער אויפשטאַנד,
ווי אַן אייביקער פלאַמען־סמבטיון,
וואָס שליידערט
מיט יידישן גורל
אַפילו אום שבת.

ווי קאָנען די מענטשן פון דאַנען דיר גלייבן,
אַז דו האָסט אין וואַרשע
פאַרטיידיקט דעם קאַסטעל?
אַז דו האָסט אין טויטן־מדינה געפורעמט
די לעבעדיק־היימישע
יונגע מדינה?

נאָר גלייבן דיר וועט דער וווּלקאַנישער האַרצקלאַפּ
פון לאַנד,
יענער האַרצקלאַפּ, וואָס דו האָסט דערהערט
ווען דיין האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן אַ ווײַלע.
און אַז צונייגן וועסטו דיין אויער צו דעם,
אַזוי ווי אַ זעגל צום סוד פון די אינדן -
וועט אויפגיין אַ קול,
ווי דאָס קול פון אַ פסוק אַ טייטש חומש-לינדן:
- ביסט מיינער,
געבענטשט זאָלסטו זיין מיט דיין קומען.
ס'איז מיינע שאָף - דיינע,
ס'איז מיין גאָרטן - דיין גאָרטן,
מיט אַזאַ מין אכזריות ווי דו האָסט געשאָסן פון ביקס,
מיט דער זעלביקער צערטלעכקייט פלאַנץ דאָ דיין וויינגאָרטן.

## מאַרק עדעלמאַן

# אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן*)

די דייטשן באַשליסן פאַר יעדן פּרייז צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ. דעם 19טן אַפּריל, יאָר 1943, 2 אַזייגער ביינאַכט קומען אָן די ערשטע רעפּאָרטן פון אונדזערע אַרויסגערוקטע וואַכן, אַז די דייטשע זשאַנדאַרמעריע און די פּוילישע בלויע פּאָליציי שטעלן אַרום אין אָפּשטאַנדן פון פינף און צוואַנציק מעטער, די אויסערלעכע מויערן פון געטאָ. עס ווערן תיכף אַלאַרמירט אַלע קאַמפּס־גרופּן און 2.15, דאָס הייסט אין פופצן מינוט אַרום, פאַרנעמען זיי זייערע קאַמפּס־פּאָסטנס. די אַלאַרמירטע דורך אונדז ציווילע באַפעלקערונג גייט תיכף אַוועק אין די פּאָרויס צוגעגרייטע שוץ־ערטער און באַהעלטענישן אין די קעלערן און אויף די בוידימער. דאָס געטאָ איז אויסגעשטאָרבן. עס איז אין ערגעץ קיין לעבעדיקער נפש נישטאָ. וואַך איז בלויז די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

4 אַזייגער פאַרטאָג הייבן אָן די דייטשן אין קליינע גרופּן, צו דריי, פיר, פינף (כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ק"אָ און פון דער באַפעלקערונג) אַריינדרינגען אויף די שטחים פון דער צווישן־געטאָ. דאָרט ערשט פאָרמירן זיי זיך, שטעלן זיך אויס אין פּלוטאָנען און קאָמפּאַניעס. 7 אַזייגער אין דער פרי קומען אַריין אין געטאָ די מאָטאָריזירטע אַרמיי־טיילן, טאַנקען און געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. הינטער די דרויסנדיקע ווענט שטעלן די דייטשן איין אַרטילעריע. די ס.ס.־לייט זענען שוין איצט גרייט צום אָנגריף. אין געשלאָסענע רייען, מיט פעסטע שטאָלצע טריט, מאַרשירן זיי אַריין אין די אַזוי ווי אויסגעשטאָרבענע גאַסן פון צענטראַלן געטאָ. פון אויבן אויף זעט עס אויס ווי זייער טריומף וואָלט געווען אַ פולשטענדיקער. ווי דאָס הייפל דרייסטע וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר דער גלענצנדיק באַוואָפנטער און באַזאָרגטער מיט אַלץ, מאָדערנער אַרמיי. פּונקט ווי די נישט דערוואַקסענע יינגלעך וואָלטן פלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז עס האָט נישט קיין זין צו פאַרמעסטן זיך מיט אַ גראָב־אייזן אויף דער זון; אַז אויף זייער יעדן פּיסטאָלעט פאַלט אויס מער דייטשע קוילנוואַרפער וויפל זיי פאַרמאָגן צו אים קוילן.

אָבער ניין. מיר האָבן זיך נישט דערשראָקן און עס האָט אונדז אויך נישט געטראָפן אומגעריכט. מיר האָבן בלויז געוואַרט אויפן פּאַסיקן מאָמענט. ער איז גיך געקומען. בעת די דייטשן האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן וועג, ווו עס קרייצן זיך די גאַסן מילע און זאַמענהאָף, האָבן די קאַמפּס־גרופּן, וואָס זענען געווען פאַרבאַריקאַדירט אויף די פיר ווינקלעך פון די גאַסן געעפנט, ווי מען רופט עס אין דער מיליטערישער טערמינאָלאָגיע, אַ קאָנצענטרירטן פייער. עס האָבן אויפגעריסן באָמבעס פון אַן אומבאַקאַנטן מין (דאָס זענען געווען די גראַנאַטן פון אונדזער אייגענער פּראָדוקציע), די סעריעס פון אויטאָמאַטישן פּיסטאָלעט האָבן געשניטן די לופט (מען דאַרף שפּאָרן אַמוניציע), ערגעץ ווייטער האָבן געבולן ביקסן, אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

די דייטשן פּרובירן אַנטלויפן. אָבער דער וועג איז פאַרמאַכט. די גאַס איז פול מיט

---

*) מאַרק עדעלמאַן פון "בונד" איז דער איינציק לעבן געבליבענער וויצע־קאָמענדאַנט פונעם שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. דער פראַגמענט פון זיינע זיכרונות איז איבערגעדוקט פון דער בראָשור: "דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" – אַרויסגעגעבן דורך דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין יאָר 1983.

דייטשע מתים. די לעבן געבליבענע זוכן דעקונג אין די נאָענטסטע קראָמען און טויערן. אָבער די באַהעלטענישן ווייזן זיך אַרויס פאַר נישט קיין גענוגנדיקע. די "העלדישע" ס.ס.-לייט פירן אַריין אין קאַמף די טאַנקען, וואָס אונטער זייער שוץ דאַרפן עס די רעשטלעך פון 2 קאָמפּאַניעס דורכפירן זייער זיגרייכן ריקצוג. אָבער אויך די האָבן נישט קיין צו גרויסן גליק. דער ערשטער טאַנק איז פאַרברענט געוואָרן פון אַן אויפרייס פון אונדזערער אַ צינדפלאַש. די איבעריקע דערנענטערן זיך נישט צו אונדזערע פּאָזיציעס. דער גורל פון די דייטשן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין "קעסל" מילע-זאַמענהאָף, איז אַ פון פאָרויס באַשטימטער. קיין איינער איז פון דאַנען נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. געקעמפט האָבן דאָ די קאַמפּס-גרופּן; גרוזאַלצעס פון בונד, מערדעקס פון שומר, האַכבערגס פון בונד, בערעקס פון דרור, פּאַוועלס פון פּ.פּ.ר.

אין דער זעלבער צייט קומט פאָר אַ צווייטע שלאַכט אויף די עקן פון נאַלעווקי און גענשע. צוויי קאַמפּס-גרופּן לאָזן דאָ נישט צו די דייטשן צום שטח פון געטאָ. דער קאַמף דויערט העכער זיבן שעה. די דייטשן בויען זיך באַריקאַדן פון מאַטראַצן, וואָס זיי געפינען צופעליק. אָבער צוליבן גערדיכטן פייער פון די קעמפער מוזן זיי זיך עטלעכע מאָל צוריקציען. די גאַס טרינקט זיך אין דייטשיש בלוט. די דייטשע אַמבולאַנסן האַלטן אין איין פירן זייערע פאַרוווּנדעטע צום זאַמלפּונקט אויפן פּלעצל פאַר דער גמינע. דאָרט ליגן זיי אַנגעלייגטע אויפן טראָטואַר, וואַרטנדיק אויף דער רייע אַריינצוקריגן זיך אין שפּיטאָל. אויפן עק גענשע געפינט זיך אַ דייטשער אָבסערוואַציע-פּונקט פאַר דער אַוויאַציע. מיט דער הילף פון אַן עראָפּלאַן, וואָס דרייט זיך כסדר איבער דער געטאָ, סיגנאַליזירט מען פון דאָרטן, ווו עס געפינען זיך די קעמפער און ווו מען דאַרף באָמבאַרדירן. אָבער נישט מיט דער אַרמיי אויף דער יבשה און נישט דורך דער לופט קען מען די קעמפער נישט בייקומען, דער קאַמף אויף די עקן פון גענשע און נאַלעווקי ענדיקט זיך מיט אַ פולשטענדיקן ריקצוג פון די דייטשן.

גלייכצייטיק קומען פאָר פאַרביסענע שלאַכטן אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ. די דייטשן אַטאַקירן דאָ פון אַלע זייטן. די אַרומגערינגלטע קעמפער פאַרטיידיקן זיך פאַרביסן. מיט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען שלאָגן זיי אָפּ דעם אָנגריף. עס ווערן דעראָבערט צוויי קוילנוואָרפער און אַ סך אַנדערע וואָפן. עס ווערט פאַרברענט אַ דייטשער טאַנק. דאָס איז שוין דער צווייטער אין דעם טאָג.

2 אַזייגער בייטאָג איז שוין אויפן שטח פון געטאָ נישטאָ קיין איין דייטש. דאָס איז דער ערשטער פולשטענדיקער זיג פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איבער די דייטשן. דער צווייטער האַלבער טאָג גייט אַריבער "אינגאַנצן רויק". דאָס הייסט, אַז עס האַלט בלויז אָן די שיסעריי פון דער אַרטילעריע (זי איז איינגעשטעלט אויפן פּלאַץ קראַשינסקיס) און פון צייט צו צייט קומט פאָר אַ באָמבאַרדירונג פון דער לופט.

אויף מאָרגן איז ביז 2 אַזייגער בייטאָג - שטיל. ערשט איצט הויבן ווידער אָן די דייטשן, אין אַ געשלאָסענער איינהייט, צוקומען צום טויער פון די בערשטער. זיי ווייסן נישט, אַז אין זעלבן מאָמענט נעמט אַריין אין זיין האַנט דער אָבסערוואַטאָר פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע דעם שטעפּסל צום עלעקטרישן קאָנטאַקט. אַ דייטשישער "ווערקשוץ" גייט צו צום טויער, ער וויל אים עפענען. פּונקט אין דער זעלבער רגע ווערט דער שטעפּסל אַריינגעשטעלט. אונטער די פיס פון די ס.ס.-לייט דרייסט אויף אַ מינע, וואָס האָט שוין פון לאַנג געוואַרט אויף זיי. הונדערט ס.ס. קומען אום פון אויפרייס - די איבעריקע ציען זיך צוריק באַגלייט מיט דער שיסעריי פון אונדזערע קעמפער. ערשט

אין צוויי שעה אַרום פּרובירן די דייטשן ווידער אַ מאָל זייער מזל. איצט שוין אַנדערש. פּאַרזיכטיק, איינער הינטערן אַנדערן, אין מיליטערישער אָרדנונג, באַמיען זיי זיך אַריינקריגן אויפן שטח פון די בערשטער. אָבער צום צווייטן מאָל באַקומען זיי אַ געהעריקע אויפנאַמע פון דער קאַמפּס־גרופּע, וואָס וואַרט שוין אויף זיי. פון די דרייסיק דייטשן, וואָס האָבן זיך אַריינגעקראָגן אויפן שטח, קריגן זיך אַרויס אויף צוריק קוים עטלעכע. די איבעריקע ווערן געהרגעט פון די אויפרייסן פון אונדזערע גראַנאַטן און צינד־פלעשער. און ווידער ציען זיך צוריק די דייטשן פון געטאָ. און ווידער פייערן די קעמפער זייער צווייטן פולשטענדיקן זיג.

די דייטשן האַלטן אָבער נישט די זאַך פאַר פאַרשפּילט. זיי באַמיען זיך נאָך פון אַנדערע עטלעכע זייטן אַריינצוקריגן אויפן שטח פון געטאָ. אומעטום באַגעגענען זיי אָבער אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד. עס קעמפט יעדעס הויז.

אויף איינעם פון די בוידעמער ווערן מיר פּלוצלונג אַרומגערינגלט. האַרט לעבן אונדז אויפן זעלבן בוידעם געפינען זיך די דייטשן. עס קען נישט זיין קיין רייד וועגן אַרויסקריגן זיך אויף די טרעפּ. אין די פינצטערע ווינקלען זעען מיר זיך נישט איינער דעם אַנדערן. מיר זעען נישט, אַז סטוועק דונסקי און יונגהייזער פויזען פון אונטן איבער די טרעפּ אויפן בוידים אַרויף. מיר זעען נישט ווי זיי באַפאַלן די דייטשן פון הינטן און וואַרפן אַ גראַנאַט. מיר באַמערקן אַפילו נישט ווי אַזוי דאָס געשעט, ווען מיכאל קלעפּפיש גיט זיך אַ ריס פאָרויס, גלייך אויף אַ שיסנדיקן פון הינטערן קוימען, דייטשישן אויטאָמאַט. מיר זעען בלויז, אַז דער וועג איז פריי. בעת מיר געפינען אין עטלעכע שעה אַרום (ווען די דייטשן זענען שוין אַרויסגעשפּאַרט) זיין קערפּער, איז ער דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ מיט צוויי סעריעס פון אויטאָמאַט.

דעם בערשטער־שטח איז נישט מעגלעך צו דעראָבערן.

עס קומט איצט פאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז איצט קיין מאָל נישט געשען. דריי דייטשישע אָפיצירן דערנענטערן זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויטאָמאַטישע ביקסן און מיט ווייסע שלייפן אין די לאַצן. זיי זענען פּאַרלאַמענטיאָרן. זיי ווילן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער קאָמענדאַנטור פון שטח. זיי שלאָגן פאָר אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף 15 מינוט צייט, כדי אַרויסצונעמען די פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע. זיי זענען גרייט צוצוזאָגן אַלע איינוווינער, אַז זיי וועלן קענען רויק אַרויספאָרן אין די לאַגערן פון פּאָניאַטאָווו און טראַווניק צוזאַמען מיט אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן.

די תשובה דערויף איז אַ שיסעריי, יעדעס הויז איז אַ פיינטלעכע פעסטונג. פון יעדן שטאָק, פון יעדן פענצטער שיטן זיך קוילן אויף די פאַרהאַסטע דייטשישע העלמען, אין די פאַרהאַסטע דייטשישע ברוסטן.

אויפן פערטן שטאָק אין אַ קליין פענצטערל שטייט דער אַלטער זעלנער דיאַמענט. ער האָט אַ לאַנגע ביקס, וואָס געדענקט נאָך די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. דיאַמענט איז אַ פלעגמאַטיק. ער באַוועגט זיך לאַנגזאַם. די יינגלעך אַרום האָבן קיין געדולד נישט. זיי יאָגן אים. אָבער דיאַמענטן אַרט עס נישט. ער שטעלט אָן אויפן בויך און טרעפט אין ברוסט. יעדער שאָס – דאָס איז אַ דייטש.

אויפן צווייטן שטאָק שטייט אין פענצטער דבורה. זי שיסט פאַרביסן. די דייטשן האָבן איר באַמערקט. "זע, האַנס, אַ פרוי שיסט". זיי באַמיען זיך איר צו דערשיסן. אָבער די קוילן מיידן זי עפּעס אויס. זי אָבער דערגייט זיי אַפּנים גוט די יאָרן. ווייל זיי ציען זיך צוריק מאָדנע גיך.

אויפן ערשטן שטאָק, אויפן בריקל פון די טרעפּ, איז די פּאָזיציע נומער 1. עס שטייען דאָרט שלאַמעק שוסטער מיט קאַזיקן. זיי וואַרפן איין גראַנאַט נאָכן אַנדערן. אין אַ ווײַלע אַרום פעלן אויס גראַנאַטן און אונטן לויפן נאָך אַרום צוויי צעטומלטע דײַטשן. שלאַמעק כאַפּט אַ צינד־פלאַש און טרעפט אַזוי פּינקטלעך אין דײַטשישן העלם אַרײַן, אַז דער דײַטש ווערט מאָמענטאַל אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען און קומט אום אין ווילדע יסורים.

די האַלטונג פון די קעמפער איז אַזאַ דעצידירטע, אַז די דײַטשן זענען סוף כל סוף געצוווּנגען צו רעזיגנירן פון פלאַן צו באַהערשן זיי מיט געווער. זיי געפינען אַן אַנדער מיטל, אַ מיטל, וואָס קען שוין דוכט זיך זיכער נישט פאַרפירן. זיי צינדן אונטער פון דרויסן דעם בערשטער־שטח פון אַלע פיר זייטן. עס דויערט נישט קיין מינוט און די פלאַמען כאַפּן אַרום דעם גאַנצן בלאָק. דער שוואַרצער רויך שטיקט אין די העלדזער, שנײַדט די אויגן. די קעמפער האָבן אָבער נישט בדעה אומצוקומען לעבעדיקערהייט אין די פלאַמען. מיר שטעלן אַלץ אויף איין קאָרט און באַשליסן, אַז וואָס דאָס זאָל אונדז נישט קאָסטן, מוזן מיר זיך אַרײַנקריגן אין צענטראַלן געטאָ.

מיר לאָזן זיך גיין. אין וועג כאַפּן זיך אָן פלאַמען אָן די קליידער און זיי הויבן אָן טליען. דער אַספאַלט צעגייט אונטער די פיס און עס ווערט פון אים אַ שוואַרצע קלעפּיקע מאַסע. דאָס גלאָז, וואָס איז צעשאָטן אומעטום, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ציִענדיקן צעגאָסענעם שמירעכץ צו וועלכן עס קלעפּן זיך די פיס. פון דער היץ פון אָנגעברענטן ברוק צינדן זיך אָן די זוילן פון די שיך. איינער נאָכן אַנדערן בלאָנקען מיר זיך דורך די פלאַמען. פון הויז צו הויז, פון הויף צו הויף. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. אין די קעפּ האַקט ווי מיט הונדערט האַמערס. ברענענדיקע בעלקעס פאַלן אין די קעפּ. ענדלעך קריגן מיר זיך אַרויס פונעם געביט וואָס איז אַרומגעכאַפּט פון פײַער. וואָס פאַראַ גליק דאָס איז צו שטיין אויף אַן אָרט, ווו עס ברענט נישט!

איצט בלײַבט איבער גובר צו זײַן דאָס שווערסטע. אין צענטראַלן געטאָ קען מען זיך אַרײַנבאַקומען בלויז דורך אַ קליינעם דורכברוך אין מויער, וואָס איז פון דרײַ זײַטן אַרומגעשטעלט מיט זשאַנדאַרמען, אוקראַינער און בלויער פּאָליציי. דעם צוויי־מעטערדיקן דורכגאַנג היטן צוועלף וועכטער. און דורך דאָרטן דאַרפן זיך עס דורכקריגן פינף קאַמפס־גרופּן. איינע נאָך די אַנדערע, אין שיך אַרומגעבונדענע מיט שמאַטעס, כדי שטילער צו מאַכן די טריט, אונטער אַ געדיכטער שיסערײַ, אין דער העכסטער שפּאַנונג, רײַסן זיך דורך די גרופּן פון גוטמאַנען, בערלינסקין און גרינבוימען. דורכגעגאַנגען. פון הינטן ווערן זיי געדעקט דורך דער גרופּע פון יורעק בלאָנעס. אין מאָמענט ווען די ערשטע פון דער דאָזיקער גרופּע זענען אַרויס אויף דער גאַס, באַלײַכטן די דײַטשן דאָס אָרט. עס דוכט זיך, אַז מער וועט קיינער נישט דורכגיין. אָבער מיט איין שאָס פאַרלעשט ראָמאַנאָוויטש דעם רעפלעקטאָר און איידער די דײַטשן באַווײַזן זיך צו אָריענטירן זענען מיר אַלע אויף יענער זײַט.

דאָ פאַראייניקן מיר זיך מיט די אָרטיקע קאַמפס־גרופּן און אַרבעטן ווידער. אויך אויף דעם שטח איז זיך כמעט אוממעגלעך צו באַוועגן. מוראדיקע שרפות שנײַדן אָפּטמאָל אָפּ גאַנצע גאַסן. אַ ים פון פלאַמען פאַרפלייצט די הײַזער, די הויפן. עס קנאַקן ברענענדיק די הילצערנע געוועלבן, עס שיטן זיך די מויערן. קיין לופט איז נישטאָ. עס איז בלויז דאָ אַ שוואַרצער בייסיקער רויך און אַ שווערע בריענדיקע היץ. די היץ זעצט פון די אָנגעברענטע מויערן, פון די אָנגעגליטע ביז רויט, נישט ברענענדיקע טרעפּ.

דאָס, וואָס עס האָבן נישט געקאָנט טאָן די דייטשן, טוט איצט דאָס אַלמעכטיקע פייער. טויזנטער מענטשן קומען אום אין די פלאַמען. דער ריח פון ברענענדיקע קערפערס שטיקט דעם אָטעם. אויף די באַלקאָנען פון די הייזער, אין די נישעס פון די פענצטער, אויף די נישט פאַרברענטע שטיינערנע טרעפּ ליגן פאַרקוילטע מתים. דאָס פייער טרייבט אַרויס די מענטשן פון די שוץ־פונקטן, צווינגט זיי צו אַנטלויפן פון די פון לאַנג צוגעגרייטע זיכערע באַהעלטענישן אין די בוידעמער און קעלערן. טויזנטער בלאָנקען זיך אַרום איבער די הויפן, אויסשטעלנדיק זיך יעדע רגע אויף דער געפאַר געכאַפּט צו ווערן, אויף דער געפאַר פון אַרעסט, אָדער גאָר פון דירעקטן טויט פון דייטשישע הענט. טויט־מידע ווערן זיי אַנטשלאָפן אין די טויערן, שטייענדיק, ליגנדיק, זיצנדיק און אַזוי טרעפט זיי אין שלאָף די גוט געצילטע דייטשישע קויל. קיינער באַמערקט אַפילו נישט, אַז דער אַלטער מאַן וואָס שלאָפט אין טויער אויף דער ערד וועט זיך שוין קיין מאָל נישט קענען אויפכאַפּן, אַז די מוטער, וואָס זויגט דאָס קינד איז שוין דריי טעג אַ קאַלטער מת און אַז דאָס קינד וויינט אומזיסט אין די דאַזיקע טויטע אָרימס און זויגט אומזיסט דעם מת׳ס טויטע ברוסט. הונדערטער מענטשן פאַרענדיקן זייער לעבן, שפּרינגענדיק פון דריטן, אָדער פערטן שטאָק. מוטערס ראַטעווען אויף דעם אופן זייערע קינדער פון פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט... די פוילישע באַפעלקערונג זעט עס אַלץ פון דער שווי. יערסקע גאַס און פון פלאַץ קראַשינסקי.

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אַזוי גרינטלעך באַשטראָפט דאָס צענטראַלע געטאָ און דעם בערשטער־שטח, האָט זיך זיי געדוכט, אַז איצט וועלן שוין די איבעריקע שעפּער אַרויספאָרן פריייוויליק. זיי גיבן דערפאַר אַ טערמין ווען מען האָט זיך צוזשטעלן אויף די זאַמלפּונקטן. אויב נישט - דראָען זיי מיט די רעפּרעסיעס, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט דורכגעפירט. אָבער נישט מיט קיין בקשות און נישט מיט קיין דראָונגען געלינגט זיי נישט צו צווינגען דערצו די באַפעלקערונג.

אומעטום זענען די קעמפער אויף די פּאָסטנס. אויפן שטח פון טעבענס און שולץ באַמיען זיי זיך קודם כל צו שטערן די דייטשן צוצופירן רעגולער זייערע אַרמיי־טיילן צום צענטראַלן געטאָ. פון די באַלקאָנען, פון די פענצטער, פון די דעכער באַוואַרפן זיי מיט גראַנאַטן און באַשיסן די אויטאָס מיט די ס.ס.־לייט. איין מאָל געלינגט אַפילו צו פאַרניכטן אַן אויטאָמאָביל, וואָס לויפט אויף דער "אַרישער זייט". אין אַ געוויסן טאָג האָבן ראַזאָווסקי און שלמה, מאַכנדיק אַן אינספּעקציע אויפן שטח, באַמערקט ווי עס דערנענטערט זיך די מאַשין. אַ קורצער ישוב הדעת - און באַלד זענען ביידע אויפן באַלקאָן. אין דער זעלבער רגע וואַרפן זיי אַ צוויי־קילאָגראַמיקע פּולווער־באָמבע אין רעכטן מיטן פון אויטאָ. פון די זעכציק ס.ס.־לייט בלייבן לעבעדיקע קוים פינף.

אויפן פינפטן טאָג פון דער אַקציע. בעת עס ענדיקט זיך דער טערמין, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף אַרויסצופאָרן פריייוויליק און די דייטשן הויבן אָן זייער פּאַציפיקאַציע פון די שטחים - טרעפן זיי זיך ווידער אָן אויף אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד. צום באַדויערן קענען דאָ נישט אויסגענוצט ווערן די צוגעגרייטע מינעס, ווייל אין דעם גאַנצן געטאָ איז שוין נישטאָ קיין עלעקטרישער שטראָם. עס הויבן זיך אָן שווערע ראַנגלעטישן. די קעמפער, פאַרבאַריקאַדירטע אין די הייזער, לאָזן נישט צו די דייטשן צום שטח. אויך דאָ קעמפט יעדעס הויז. ספּעציעל פאַרביסן זענען די קאַמפן אין די הייזער: נאָוואָליפּקי 41, נאָוואָליפּיע 64, נאָוואָליפּיע 67, לעשנאָ 72, לעשנאָ 56.

אויף לעשנאָ 56 ווערט יורעק פלוצלונג געכאַפּט אויפן אויסשפּיר־פּונקט. עס

רינגלט אים אַרום אַ גרופּע פון פיר ס.ס.לייט. זיי וואַרפן אין אים אַ גראַנאַט. יורעק גיט לייכט אַ כאַפּ דעם גראַנאַט אין דער לופט און אין דער ריכטיקער צייט, נאָך איידער ער צערייסט זיך. גיט ער אים אַ וואָרף אין די ס.ס.. אַלע פיר ווערן דערהרגעט.

שלמה - דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט פון שטח, אַ פאַרוווּנדעטער אין האַנט, דעקט ער דעם צוריקטריט פון הויף נאָוואָליפּיע 72. פּלוצלונג איז אַלץ פאַרלוירן. עס איז שוין אויף קיין זאַך קיין שום צייט נישטאָ. מען איז אַרומגערינגלט. שלמה כאַפּט אויף גיך אַראָפּ אַ ליילעך פון בעט, ער האַלט אים צו און אָנהאַלטנדיק זיך אָן אים, לאָזן זיך אַלע אַראָפּ אויפן הויף. פּאַר אים איז אָבער נישטאָ ווער עס זאָל צוהאַלטן דעם ליילעך. שפּרינגט ער האַסטיק אַראָפּ פון ערשטן שטאָק.

אויך אויף דעם שטח "ראַטעווען" די דייטשן זייער מיליטערישן כבוד, אונטערצינדנדיק אַ הויז נאָך אַ הויז.

צוליב די באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי געענדערט, ענדערט אויך די יידישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איר טאַקטיק. זי באַמיט זיך צו פאַרהיטן פון די דייטשן די גרעסערע אָנזאַמלונגען פון די מענטשן, וואָס זענען באַהאַלטן אין די בונקערס. אַזוי געשעט למשל, אַז צוויי אָפּטיילונגען פון דער ק"אָ (האָכבערגס און בערעקס) פירן אַרויס אין מיטן העלן טאָג עטלעכע הונדערט מענטשן פון פאַרשאָטענעם שוץ-קעלער אויף מילע 37 און פירן זיי אַריין אויף מילע 7. די דאָזיקע פּאָזיציע, ווו עס זענען געווען באַהאַלטן עטלעכע טויזנט מענטשן, געלינגט איינצוהאַלטן העכער אַ וואָך צייט. דערווייל ברענען די דייטשן דאָס געטאָ און עס דערנענטערט זיך דער סוף. עס זענען שוין לחלוטין נישטאָ קיין ווין-ערטער און וואָס עס איז נאָך ערגער - עס איז נישטאָ קיין וואַסער. צוזאַמען מיט דער ציווילער באַפעלקערונג לאָזן זיך אַראָפּ אין די באַהעלטענישן אויף די קעמפער. דאָרט וועלן זיי ווייטער פאַרטיידיקן דאָס, וואָס עס וועט זיך נאָך לאָזן פאַרטיידיקן.

די קאַמפן און די צוזאַמענשטויסן קומען איצט פאָר דער עיקר אין די נעכט. בייטאָג איז דאָס געטאָ אינגאַנצן אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. ערשט דעמאָלט ווען אין די גאַסן ווערט פולשטענדיק פינצטער, באַגעגענען זיך דאָרט די פּאַטרולן פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע מיט די דייטשישע פּאַטרולן. ווער עס באַוויזט אויסצושיסן דער ערשטער - דער איז דער געווונענער. אונדזערע פּאַטרולן זענען פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן געטאָ. יעדע נאַכט פאַלן אַ סך געהרגעטע פון ביידע צדדים. די דייטשן און די אוקראַינער פּאַטרולירן בלויז אין גרעסערע גרופּן. אָפט טשאַטעווען זיי פון באַהעלטענישן.

אין טאָג פון ערשטן מאַי באַשליסט די קאָמענדאַנטור דורכצופירן אַ ספּעציעלע אַקציע, אַ "יום-טוב-אַקציע". עטלעכע קאַמפּס-גרופּן לאָזן זיך אַרויס אויפן שטח מיט דער אויפגאַבע צו דערשיסן אַ וואָס גרעסערע צאָל דייטשן. אין אָוונט קומט פאָר אַן ערשטער מאַי-אַפּעל. קורצע רעדעס און דאָס געזאַנג פון "אינטערנאַציאָנאַל". עס פאַלן געציילטע, שטאַרקע ווערטער: די גאַנצע וועלט פייערט איצט דעם יום-טוב. אויף דער גאַנצער וועלט אין דער זעלבער צייט. אָבער קיין מאָל איז נאָך דער "אינטערנאַציאָנאַל" נישט געזונגען געוואָרן אין אַזעלכע אייגנאַרטיקע, טראַגישע באַדינגונגען, אין אַן אָרט, ווו עס איז אומגעקומען און עס קומט אום אַ פאָלק... די דאָזיקע ווערטער און דאָס געזאַנג שלאָגן זיך אָפּ אָן די פאַרברענטע רוינען, עדות זאָגנדיק דאָס מאָל, אַז אין געטאָ קעמפט אַ סאָציאַליסטישע יוגנט. וואָס אַפילו פּנים אל פּנים מיטן טויט פאַרגעסט זי נישט אָן דעם.

## יצחק קאַצענעלסאָן

# איך שפּיל*)

איך שפּיל. איך האָב געזעצט זיך נידעריק אויף דר׳ערד
און האָב געשפּילט אין אומעטיק געזונגען: אָ, מיין פאָלק!
מיליאָנען יידן זענען אַרום מיר געשטאַנען און געהערט,
מיליאָנען אויסגעהרגעטע זען׳ געשטאַנען, זיך צוגעהערט - אַ גרויס געפּאָלג!

אַ גרויס געפאָלג, אַ מחנה גרויס, אַך גרויס! יחזקאלס טאָל
מיט ביינער פול וואָלט אין אַ ווינקל דאָ באַהאַלטן זיך געקענט -
און ער אַליין, יחזקאל, ער וואָלט ניט האָפּערדיק אַזוי, ניט גלויביק ווי אַמאָל
צו אויסגעהרגעטע גערעדט, ער וואָלט ווי איך פאַרבראָכן מיט די הענט.

ווי איך, ווי איך פאַרוואָרפן אומבאַהאָלפן שווער דעם קאָפּ,
און אָנגעקוקט פאַרשטערט דעם הימל-גרוי און ווייט און וויסט אַרום,
און ווידער שווער אַראָפּגעלאָזן אים, אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
אַ שטיין פאַרשטיינערט צו דער ערד געבויגן טיף און שטום.

יחזקאל! ייד, דו ייד אין בבל-טאָל, דו האָסט געזען
די אויסגעטריקנטע די ביינער פון דיין פאָלק, און האָסט -
פאַרלאָרן זיך, יחזקאל... און אַ צעמישטער ווי אַ מאַנעקען
פון אייבערשטן פון דיינעם אין טאָל אין יענעם פירן זיך געלאָזט.

און געלאָזט זיך פרעגן: התחיינה? זאָג, צי ועלן נאָך
אויפלעבן די ביינער, אָ? דו ווייסט ניט יאָ צי ניין -
טאָ וואָס זאָל איך, אָ, וואָס זאָל איך שוין זאָגן? ווי, אַ בראָך!
עס איז פון אויסגעהרגעטן פון פאָלק פון מיינעם ניט געבליבן קיין געביין!

ניטאָ אויף וואָס אַ לייב אַרויפצוזעצן און אויף וואָס אַ הויט
אַרויפצוציען און אין וואָס אַריינבלאָזן אַ גייסט -
זע, זע, אַ פאָלק אָן אויסגעהרגעטער דאָ גאַנץ, אַ פאָלק געטויט
קוקט אָן אונדז שטאַר, קוקט אָן מיט אויגן אונדז פאַרגלייזט.

זע, זע - מיליאָנען קעפּ און הענט צו אונדז געוואָנדן - צייל!
און פנימער און ליפּן זע - איז אַ געבעט אויף זיי פאַרשטאַרט צי אַ געשריי?
גיי צו און ריר זיי אָן... ניטאָ וואָס אָנצורירן - הייל!
כ׳האָב אויסגעטראַכט אַ יידיש פאָלק! כ׳האָב אויסגעטראַכט דאָך זיי!

---

*) פראַגמענט פון דער פּאָעמע "דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

ניטאָ זיי! און זיי וועלן דאָ אויף דר׳ערד שוין מער ניט זיין!
איך האָב זיי אויסגעטראַכט, יאָ, אַזוי זיץ איך און איך טראַכט זיי אויס -
נאָר אמת זענען זייערע עינויים וואָס דו זעסט, די פּיין, די פּיין
פון זייער אויסגעהרגעט ווערן איז דאָך וואָר און גרויס...

זע, זע, זיי שטייען אַלע אַרום מיר און וויט און לאַנג,
און אַלע זיי - אַ שוידער גייט אַדורך מיר, דורך מיין לייב -
זיי קוקן מיט בן־ציונקעס, מיט יאָמעקס אויגן באַנג,
זיי קוקן אַלע מיט די אומעטיקע אויגן פון מיין ווייב.

מיט מיין ברודער בערלס גרויסע, בלאָע אויגן - יאָ!
ווי קומט צו זיי זיין בליק? אָט איז ער! ער אַליין!
ער זוכט די קינדער זיינע און ער ווייסט ניט אַז זיי זענען דאָ
צווישן די מיליאָנען דאָ... איך זאָג עס אים ניט, ניין...

מיין חנה׳ן האָט מען צוגענומען, אין איינעם מיט אונדזערע צוויי זין!
מיין חנה ווייסט, מיט איר צוזאַמען האָט מען זיי פאַרשלעפּט -
זי ווייסט נאָר ניט ווו צבי איז? זי ווייסט פון מיר ניט ווו איך בין,
זי ווייסט ניט פון מיין אומגליק, זי ווייסט ניט אַז איך לעב...

זי הויבט צו מיר די אויגן אירע, ווי ס׳הויבט די אויגן שטום
צו מיר דאָס פאָלק דאָס גאַנצע, און ווי זי וואָלט מיך ניט געזען -
קום, שווייגנדיקע און אַזוי פיל זאָגנדיקע, קום, חנה, קום,
קוק אין זיך, הער זיך צו צום קול צו מיינעם און דערקען!

הער, בנציקל מיין יונגינקער, מיין גאון, דו פאַרשטייסט
אַן איכה־ליד אַ לעצטס פון לעצטן, לעצטן ייד -
און דו, מיין יאָמעלע, מיין ליכטיקער, מיין טרייסט,
ווו איז דיין שמייכל, יאָם? אָ, שמייכל, שמייכל ניט...

איך שרעק פאַר אים זיך, יאָמעלע, אַזוי ווי מען באַדאַרף
פאַר מיינס אַ שמייכל שרעקן זיך... הער צו זיך צום געזאַנג -
איך האָב מיין האַנט ווי אַ האַרץ געוואָרפן אויף מיין האַרף,
און זאָל אונדז ווי טאָן מערער נאָך!... אי ווײ, אי באַנג!...

יחזקאלן, אים ניין, ירמיהון... אים אויך, איך דאַרף אים ניט!
איך האָב גערופן זיי: אָ העלפט מיר, העלפט אַרויס:
נאָר כ׳וועל אויף זיי ניט וואַרטן מיט מיין לעצטן ליד -
זיי מיט נביאות און איך אין ווייטיקן אין מיינע גרויס.

דוד וואָלפע / יאָהאַנעסבורג

# די לעצטע עדות

מיר אַלע גייען
אַ לעבעדיקער באַרג דורך־און־דורך
דער שוואַרצער נאַכט. קאַלטע ווינטן
מיט אויסגעהויכטע אָטעמס באַגלייטן
אונדז. מיר שפּאַנען בלינד אויף דעם
וועג באַקאַנטן פון גאַסן דערשראָקענע.
די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך שפּרינגען
אונדז אַנטקעגן. אין דער לופטן שוועבט
דער חושך וואָס געדענקט אונדזער זיין.
מיר, די לעצטע עדות, אַלע זענען איינס
געוואָרן ווי די טרער אין אונדזער אויג
און איבער אונדזער קאָפּ אַ שטערן איז
געבליבן הענגען, אויף די ווייסע בלעטער
פליוכעט ער מיט בלוט - - -

איך נעם צונויף די רויטע בלעטער צייל און
צייל די קופּעס שטערן. ווערט די שוואַרצע
נאַכט אויפגעפּוישט פון דער כראָניק ווען
ס'איז די וועלט די יידישע אין ימען בלוט
אַוועקגעשווומען און דער פאַרשאָלטענער שאָטן
פון אַדאָלפן מיטן לאַנגן מעסער וואַרט נאָך
אַלץ אין די מערדערישע קנייפּעס פון בערלין.
אַהין מיר וועלן קומען - די דורות פון אומגעקומענע
עדות יידן. אַ פאָלק פון מיליאָנען וואָס יעדער
איז געוועזן דער גאָר לעצטער עדות און מיר
וועלן אויפן מאַסט פון אוניווערס אַרויפציען
די פאָן פון גלויבן אין דער הייליקייט פון לעבן
און פון מענטש - שטראַלן וועט די זון פון אמת.
מיר, די לעצטע עדות פון דער שוואַרצער נאַכט
וועלן ווייטער לעבן און ס'וועט אונדז די זון
פון ריינעם חלום אייביק שפּייזן - -

אַפּריל 2002

## צביה לובעטקין

# די לעצטע אויפן מויער*)

דער שונא האָט אונטערגעצונדן דאָס געטאָ, קודם פון אויבן דורך ברען־באָמבעס אַראָפּגעלאָזטע פון עראָפּלאַנען. שפּעטער אונטערגעצונדן אַלע פיר ווינקלען זייענדיק זיכער, אַז דאָס פאַרניכטנדיקע פייער וועט דערשטיקן אין פלאַמען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט מצליח געווען צו טאָן אין די קאַמפן פּנים־אל פּנים. פון דעסטוועגן איז אויך אים, דעם שונא, קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז ניט אַזוי גרינג צו ליקווידירן דאָס פאָלק.

מיט זייערע לעצטע כוחות האָבן יידן געזוכט אַ באַהעלטעניש, אַרום געלאָפן צווישן די חורבות און די פלאַמען. דאָס פייער האָט זיי פאַרטריבן פון די באַהעלטענישן און פון די אונטערערדישע בונקערס. אַ סך זיינען פאַרברענט און דערשטיקט געוואָרן, אָבער אַ סך מענער, פרויען און קינדער - זיינען אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער ערד, באַלאָדן מיט רעשטלעך שפּייז, טעפּ און בעטגעוואַנט. מאַמעס האָבן געטראָגן עופּעלעך אויף די הענט און די גרעסערע קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זייערע עלטערן און אין זייערע אויגן - אַן אָפּגרונט פון טרויער און ייאוש, ווייטיק און אָפּהענטיקייט און אַ געשריי נאָך הילף. אַלע זיינען זיי געגאַנגען און האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש הינטער יעדן מויער, אין מיטן פון די חורבות וואָס האָבן שוין מער ניט געקאָנט ברענען, אין ווינקלען ווו דאָס פייער האָט ניט אַזוי געבושעוועט. ווער איז מסוגל צו דערציילן דעם גרויסן אומעט און די שרעקלעכע אימה פון יידישן פאָלק אין די פלאַמען?

דאָס געטאָ האָט געברענט. טאָג און נאַכט איז עס געווען אַרום געריינגלט פון פלאַמען און דאָס פייער האָט פאַרטיליקט און פאַרלענדט יעדע שטוב. הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס זיינען אַרויף אויפן שייטער. זיילן רויך האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן, פונקען האָבן געשפּריצט און דער הימל איז געוואָרן פאַרצויגן מיט אַ רויטער, שרעקלעכער שיין. און פון דער נאָענט, פון יענער זייט מויער, האָט דאָס לעבן געשטראָמט ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. מענטשן, בירגער פון דער הויפּשטאָט, האָבן אַרום שפּאַצירט, זיך געשפּילט, געהוליעט און געזען פון דער נאָענט דעם רויך פון די פלאַמען ביי טאָג און דאָס פייער ביי נאַכט. אַ קאַרוסעל האָט זיך אַרום געדרייט און קינדער האָבן זיך מיט געדרייט אין ראָד אין תמימותדיקן פאַרגעניגן, אויך דאָרפס־מיידלעך, וואָס זיינען געקומען אין דער הויפּטשטאָט, האָבן זיך געדרייט אויף דער קאַרוסעל און צווישן אַנדערע געזען די פלאַמען פון געטאָ און געוווסט אַז "די יידן ברענען". דער ווינט האָט צוגעטראָגן צו זייער נאָז די סאַזשע פון די רויכנדיקע הייזער, שפּריצנדיקע פונקען האָבן טייל מאָל זיך אַריבערגעכאַפּט די מויערן און אונטערגעצונדן דאָרט אַ הייזערבלאָק, אָבער דאָרט איז דאָס פייער תיכף פאַרלאָשן געוואָרן, דאַקעגן דאָ - אין געטאָ - איז קיינער ניט געקומען העלפן. אַלץ האָט געברענט און ניט געווען ווער ס'זאָל לעשן.

דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט געברענט, דאָס געטאָ פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפּע און אין אים האָבן נאָך געצאַפּלט די רעשטלעך פון די יידן - און זייער צאָל איז נאָך דערגאַנגען צו צענדליקער טויזנטער - די לעצטע צוקונגען פון גסיסה. בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די דייטשן באַשלאָסן צו ליקווידירן די

*) צביה לובעטקין פון דער חלוצישער באַוועגונג האָט געהערט צו דער אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אוי וואַרשעווער געטאָ. דער פראַגמענט וואָס מיר ברענגען איז פון איר בוך "אין אומקום און אויפשטאַנד", אַרויסגעגעבן אין ישראל אין 1980.

לעצט־געבליבענע, צו שיקן זיי אין טויטן־וואַגאָנעס קיין טרעבלינקע, פּונקט ווי זיי
האָבן פריער געשיקט, אָן שום שטערונג, הונדערטער טויזנטער.
כ'וועל ניט פאַרגעסן יענע נאַכט ווען דאָס געטאָ איז אונטערגעצונדן געוואָרן פון
אַלע זייטן. כ'בין אַרויסגעקראָכן פון מַיין באַהעלטעניש און אָט - ס'איז ליכטיק ווי אין
מיטן טאָג. דאָס ליכט פון אַלע זייטן האָט געבלענדט די אויגן. אַרום מיר בושעווען די
פלאַמען, מען הערט דעם רעש פון פאַלענדיקע ווענט, שויבן פּלאַצן און רויך־זיילן
דערגייען ביז צום הימל. און דאָס פייער שפּרייט זיך אויס און פאַרלענדט, שפּרייט זיך
אויס און פאַרלענדט אַלץ.
טעג פון אָנהייב מאַי 1943. אין די גאַסן דאָרט, פון יענער זייט, אָטעמט אַוודאי
אַלץ מיט אָנזאָג פון פרילינג, אָבער פאַר אונדז דאָ האָט מען צוגעגרייט אַ שייטערהויפן.
מאַסן יידן, קליינע און גרעסערע גרופּעס, דרייען זיך נאָך אַרום אין געהיים, שלייכן זיך
פאָרזיכטיק אַריבער פון הויף צו הויף, מיידן אויס די פלאַמען. עס ברענט איין פליגל פון
אַ הויז, אָבער דעם צווייטן האָט נאָך דאָס פייער ניט אַרום געכאַפּט און מ'קאָן נאָך
אַהין אַריבער קלעטערן, זיך דורכשטופּן דורך זיינע לעכער. אין אָנהייב פלעגן מיר
אַרום שפּאַנען איבער בוידעמער, געקראָכן פון שפּאַרע צו שפּאַרע און דורכגעגאַנגען
אויף אַזאַ אופן לאַנגע שטרעקעס ניט ווערנדיק אַנטפּלעקט דורך די דייטשן, וואָס
שטייען פון יענער זייט מויער און צילעווען אין יעדן ייד וועלכער ווייזט זיך אין גאַס.
איצט האָבן די בוידעמער געברענט. מיר זיינען ווייטער געקראָכן דורך די אַדורכגעהאַקטע
עפענונגען פון קעלער צו קעלער, נאַכהער האָבן מיר פּשוט אַרום געבלאָנקעט צווישן
די חורבות און אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך, דאָס פייער. די היץ האָט געזעצט אין
פּנים, אין די אויגן; באַלד שטיקט צו דער רויך, אַרום דיר שפּריצן פונקען און דו
שפּאַנסט און גייסט ווייטער און אויף יעדער גרופּע וואָס מ'באַמערקט עפנט מען אַ
שיסעריי.
אָבער דער סוף איז נאָך ניט געקומען.
דער הייזער־בלאָק אויף מילע 7 געפינט זיך אין געטאָ אויף אַ קרייצונג פון גאַסן
און פּאַסאַזשן און, בשעת דעם בהלהדיקן אַנטלויפן אין דער בראַנד־נאַכט, האָט דער
הויף אויף מילע גערודערט פון מאַסן יידן וואָס זוכן אַן אויסוועג. דער הויף איז גרויס
און פאַרנעמיק און דאָס פייער האָט אים נאָך ניט פאַרכאַפּט פון אַלע זייטן און איז אויך
ניט אַריין געדרונגען אינעווייניק. יעדע קאָלאָנע יידן און יעדע קעמפער־גרפּע, וואָס
בלאָנדזשעט אַרום אין געטאָ, קומט אָן צו אָט דעם הויף און בלייבט אין אים שטעקן.
אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אויפגעקליבן און צונויפגעטראָפן פון אַלע זייטן הונדערטער
קעמפער, ס'רוב אָפּטיילונגען, וואָס זיינען אַרויס פון זייערע פּאָזיציעס און פון זייערע
דירות, מידע, געשפּאַנטע און דערדריקטע. מיר האָבן געהויערט אויף דער ערד און אין
דער לופט איז געהאַנגען די פראַגע, וואָס קיין ענטפער אויף איר איז ניט געווען: און
וואָס איצט? אַרום און אַרום האָט דאָס געטאָ זיך געטומלט מיט אַ טומל פון אויסוועגלאָזיקייט.
פון מאָל צו מאָל קומט אַריין אין הויף אַ פרישע גרופּע יידן, באַלאָדן מיט זייערע
אָרעמע בינטלעך, מיט פרוי און קינד. זיי האָבן געזוכט אַן אויסוועג פון פייער, האָבן
אונדז דאָ אָנגעטראָפן און זיך צו אונדז צוגעקלעפּט ווי צו אַ רעטונג־אַנקער און
געוואַרט אויף אונדזערס אַ וואָרט. מיר זיינען אַוועקגעפאַלן אין ווינקל פון הויף און זיי
– טייל פון זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אונדז בעטנדיקע הענט: טייערינקע – ווהין?

הונדערטער קעמפער זיינען מיר געווען און מיט אונדז - מיטגלידער פון דער הויפּט-קאָמענדע, אַרום גערינגלטע פון טויזנטער יידן. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט. זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. מיר זיינען געווען אומבאַהאָלפן, מבולבל. אַלע פּלענער וואָס מיר האָבן געמאַכט זיינען צעשטערט געוואָרן. מיר האָבן געחלומט וועגן אַ קאַמף פנים-אל-פּנים, אַ לעצטן קאַמף אין וועלכן מיר האָבן געוווּסט, אַז דער שונא וועט אונדז באַזיגן, אָבער מיר וועלן באַזיגט ווערן אין אַ ממשותדיקן קאַמף און דער שונא וועט טייער באַצאָלן מיט בלוט, אַ סך בלוט, דעם פּרייז פון אונדזער אומקום. דער ערשטער נצחון איבערן שונא האָט אונדז איבעראַשט, פאַרשיכורט, און מיט זיין אַנטלויפן האָט אין אונדזער האַרץ געקלאַפּט אַ שטאָלץ געפיל: ניט אַזוי גרינג וועלן זיי אונדז בייקומען! אויף צו כאַפּן די יידן וועט דער פיינט מוזן איינעמען הויז נאָך הויז און דאָס וועלן מיר פאַר אים שווער מאַכן, מיר וועלן קעמפן פאַר יעדן בלאָק און ביי יעדן בלאָק וועט מען אָפּצאָפּן זיין בלוט. מיר האָבן געטשאַטעוועט אין די באַהעלטענישן פון די חורבות, געוואַרט ער זאָל קומען, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַזאַ מלחמה, פון אַ קאַמף פנים-אל-פּנים און אויף אונדז אָנגעשיקט דאָס פייער כדי אונדז צו פאַרניכטן פון דער ווייטנס.אויף דעם האָבן מיר זיך ניט גערעכנט. אַלע פּלענער זיינען צו נישט געוואָרן. וואָס-זשע זאָל מען טאָן? מיר זיינען געזעסן, צענדליקער קעמפער, אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, מיט געווער אין האַנט, אַרום גערינגלט דורך מאַסן יידן, איינגעהאָרכטע, געשפּאַנטע - צי איז יענער טאָג ניט געווען דער ערשטער מאַי? און דאָס געפיל פון אחריות האָט געדריקט ווי אַ שווערע לאַסט אויפן געוויסן און ניט צורו געלאָזט.

אַ שעפּטשען און שאָרכן פון אַן עדה יידן, צונויפגעפּרעסטע, אַריבער געבויגענע, ציטערנדיקע, וואַרטנדיקע אויף אַן אויסלייזנדיק וואָרט מצד די קעמפער, אָבער מיר אַליין זיינען הילפלאָז. וואָס זאָלן מיר זיי זאָגן? וואָס זאָלן מיר זיך אַליין זאָגן? ווי, ווי שרעקלעך איז דאָס געפיל פון אָפּהענטיקייט, ווי שרעקלעך איז דאָס געפיל פון אחריות מצד לעצטע, פאַרצווייפלטע יידישע קעמפער! וועלן מיר דאָך ניט קאָנען אויסהאַלטן לאַנגע טעג אין פאַרלענדנדיקן פייער, אָן שפּייז, אָן וואַסער, אָן געווער. מע דאַרף וואָס גיכער אויסזוכן אַ באַהעלטעניש - אָבער ווו? און ווי אַזוי?

אין מיטן שמועס קומט אָן אַ בחור און דערציילט אַז ער קען אַ דורכגאַנג דורך די קאַנאַלן, וואָס פירט צו דער אַרישער זייט, און אַז דער אַרויסגאַנג איז ניט ווייט פון דעם הויפן חורבות ווו מ'קאָן דערווייל געפינען אַ באַהעלטעניש. ער שטעקט אונדז אָן מיט זיין בטחון, אַז אויב מיר וועלן גיין אָרגאַניזירט אין באַוואָפנטע גרופּעס וועלן מיר זיך קאָנען דורכשלאָגן אַ וועג.

מע צווייפלט, מע שאַצט אָפּ, מע דיסקוטירט און ניט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוועג פאַלט די אַנטשיידונג: מירן גיין! ניטאָ מער קיין מעגלעכקייט צו קעמפן. דאָס פייער וועט אונדז פאַרמשפּטן דערשטיקט צו ווערן, אָדער וועט אונדז אויסליפערן צום שונא. וואָס וועט אָבער זיין דאָרט, אויף דער אַרישער זייט? אויך דאָרט איז דאָך אַ זיכערער אומקום. פון שלעכטן צום ערגערן. איינצלנע וועלן זיך אפשר ראַטעווען, איינצלנע וועלן אפשר באַוויזן צו אַנטלויפן, אפשר וועלן ניט אַלע געכאַפּט ווערן. אָבער די אַלע טויזנטער אַרום אונדז, וואָס זיינען גרייט מיט אונדז צו גיין, אונדז נאָכצוגיין זאָל זיין וואָס עס וועט זיין אַבי זיך פון אונדז ניט צעשיידן, וואָס וועט מיט זיי געשען?

און דאָך האַלט נאָך דער צווייפל צוריק, לייגט נאָך אָפּ. מיר באַשליסן צו מאַכן דערווייל אַ פּרווו און לייגן אַרויף אויף צוויי חברטעס און צוויי חברים מיט אַן אַרישן אויסזען אַרויסצוגיין מיטן וועגווייזער דורך די קאַנאַלן און אויספּרוון דעם וועג. אויב עמעצער פון זיי וועט צוריק קומען וועלן מיר באַשליסן ממשיך צו זיין אָדער ניט. די פינף דערווייטערן זיך און דאָס וואַרטן אויף זייער צוריק קומען בויערט אין אונדזערע הערצער, אין די הערצער פון די געבליבענע. עס קומען אָן אין הויף נאָך גרופּעס יידן. צעטומלטע, פרעגנדיקע, שעפּטשענדיקע, האָרכן זיך איין און אויך זיי בלייבן דאָ איבער צו וואַרטן, שליסן אָן זייער גורל צום גורל פון דער גאַנצער עדה.

עס רוישט און ברומט דאָ דער גרויסער קנויל פון מענטשן. געוויין פון קינדער, קרעכצן פון שוואַכע, זיפצן. פון איין זייט פייער־צונגען, פון דער צווייטער זייט - רויכנדיקע ווענט. עמעץ קומט צו גיין מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט און אַ סך וואַרפן זיך אויף אים אַרויף צו קריגן אַ ברעקל.

שעהען לויפן פאַרביי. די גרויסע מאַסע ווערט איינגעשטילט. דאָס האַרץ פון דער עדה איז פול מיט דערוואַרטונג, מיט הונגער, מיט בעטן רחמים, פון מאָל צו מאָל נאָך רייסט זיך אַרויס און עס דערהערט זיך אַ זיפצן. אַ גרופּע ליגנדיקע קעמפער הייבט שטיל אָן צו זינגען. דער אומעט פון פאַרצווייפלטע רוישט אין דער לופט.

נאָך חצות קערן זיך אום בלויז צוויי פון די שליחים, וואָס מ'האָט געשיקט אויף דער אַרישער זייט. דער וועגווייזער און מיט אים טוביה באָזשיקאָווסקי. פון זיי ווערט מען געוויער, אַז זיי זיינען בשלום דורכגעגאַנגען דעם וועג דורך די קאַנאַלן און צוגעקומען צום אַרויסגאַנג. ס'איז שווער אָנגעקומען צו עפענען דאָס דעקל. איין חברטע האָט אַרויפגעקלעטערט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין גאַס אַריין. די גאַס איז געווען שטיל, קיינער האָט זיך ניט געזען, זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון קאַנאַל, צוערשט ביידע חברטעס, נאָכהער איינער פון די בחורים, און אַוועק, זייערע שטילע טריט זיינען איינגעשלונגען געוואָרן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. אין עטלעכע מינוט אַרום, טוביה שטייט נאָך ביים אַרויסגאַנג און הינטער אים, אויפן אייזערנעם לייטערל, דער וועג־ווייזער - האָבן זיך דערהערט שיסערייען איבער זייערע קעפּ און זיי זיינען צוריק אַריין געשפּרונגען און זיך אומגעקערט. וואָס ס'איז געשען מיט יענע וועלכע זיינען פאַר זיי אַרויס - ווייסט מען ניט.

איך בין שפּעטער געוויער געוואָרן, אַז די ביידע חברטעס זיינען געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי און דער בחור, וואָס האָט געפּרוווט אַנטלויפן, איז אויפן אָרט געהרגעט געוואָרן.

אַזאַ איז די לאַגע. אַלע האָבן געשוויגן. איז וואָס־זשע זאָלן מיר זאָגן, יעדער איינער זיך אַליין, די קעמפער, די דערשראָקענע יידן וואָס וואַרטן אַרום? דער פּלאַן פון מאַסנווייזן אַרויסגיין איז בטל געוואָרן. ניטאָ קיין ברירה נאָר צו בלייבן דערווייל אין ברענענדיקן געטאָ און אין אים געפינען אַ באַהעלטעניש.

מ'האָט אָפּגעציילט די קעמפער און אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען די אָפּטיילונגען זיך צו פאַרפעסטיקן אין די בונקערס, וואָס זיינען פאַרזיכערט קעגן פייער און אין די חורבות פון די הייזער, וואָס דאָס פייער האָט שוין פאַרלענדט.

מיר האָבן גערעדט צו די יידן וואָס זיינען געקומען זוכן אַ צייטווייליקן מקום־מקלט. זיי זיינען אָבער פון אונדז ניט אָפּגעטראָטן און אַ סך האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די קאַמף־גרופּעס און מיטגעגאַנגען. די קעמפער האָבן אַ ביסל צוריק געווונען דעם בטחון.

עירית עמיאל (איריתּ אַמיעל)

# די קינדער פון דער שואה וואָס עלטערן זיך

די וואָס זענען בּ׳נס געבוירן געוואָרן צום צווייטן מאָל,
די וואָס זענען אַנטרינען געוואָרן פונעם גיהנום
באַהאַלטענע אין זעק, װאַליזעס, אין אָרונס פאַר טויטע,
אין פעסער פאַר צואה, אין וועגענער, אויף טאַטשקעס.

די וואָס מ׳האָט אַרויסגעשטויסן פון צעיאָגטע באַנען,
פון אויטאָס מיט טויט־גאַזן, דורך פענצטער פון ברענענדיקע הייזער.

די וואָס מען האָט אונטערגעוואָרפן אויף סטעשקעס,
באַן־רעלסן, שוועלן פון הייזער,
כאַטעס, קלויסטערס, קירכעס.

די וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון גריבער, קאַנאַלן, רינשטאָקן,
שפייכלערס, שטאַלן, בוידעמער, קעלערס,
שענק, שפּאַרונעס, בית הקברות.

היימלאָזע, שוצלאָזע, נאָמענלאָזע,
אָן אַ קול, אָן אַ פּנים, אָן אַ גאָט,
פרעגן זיך נאָך פופציק יאָר ביי זייער פאָלק:
אפשר ווייסט עמעצער ווי איך הייס?

פון עברית איבערזעצט: **צבי אייזנמאַן**

---

דאָך אַ שטיקל אָנהאַלט איבערן תהום. דאָס פאָלק איז זיך געגאַנגען זוכן באַהעלטענישן אין די בונקערס און צווישן די חורבות און פיל פון די, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ באַהעלטעניש, זיינען אַריין אין די קאַנאַלן, צו זיין דאָרט איבערן טאָג און ביינאַכט ווידער אַרויסקומען שעפּן אַ ביסל לופט.

און דער סוף איז נאָך ניט געקומען. פלאַמען און רויך האָבן אַרום געלעקט די הייזער פון געטאָ, אָבער אין דער טיפעניש פון דער ערד, אין די בונקערס, איז נאָך ניט אין גאַנצן דערשטיקט געוואָרן דאָס לעבן און אויך דער קאַמף האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. ביינאַכט האָט ווייטער פולסירט דאָס לעבן פון די יידן אין דרויסן – איבער די חורבות.

מיראַ סקלאַרעוו*)

# אַן אָפּגעפּונענער זיידע

1

דעם 23סטן יוני 1998 האָב איך אָפּגעפּונען מיין זיידן. ס'איז ניט געווען ווייל כ'האָב אים געהאַט פאַרלוירן. ער איז געשטאָרבן איידער איך בין געבוירן געוואָרן, 1932. מיר האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך אים. ווי אַן אַלטע פרוי אין ליטע האָט מיר דערקלערט, מיינט דער נאָמען ליכטיקע שיין. "ווי דיין פּנים", האָט זי געזאָגט. אָבער איך האָב ניט געוווסט ווו מיין זיידע איז געבוירן געוואָרן. אויך ניט ווו ער איז אויפגעוואַקסן. אָ, כ'האָב געקענט דאָס לאַנד. ליטע. אַ שטח אַריינגעקוועטשט צווישן מעכטיקע פעלקער. די גרייס פון מערב ווירדזשיניע, הגם אַ מאָל האָט די טעריטאָריע זיך אויסגעשפרייט פון באַלטיק ביזן שוואַרצן ים.

די אָבות פון מיין זיידן זענען צו דעם פּלאַץ געקומען אין דער זעלבער צייט ווען די מענטשן דאָרט האָבן ערשט אויסגעפונען מאָנאָטעיזם, פון די לעצטע פעלקער וואָס האָבן אָנטרעקט קריסטנטום. אַ טיף רעליגיעזער מאַן - איינער פון די מתנגדים (די קעגנערס פון חסידיזם) - האָט זיך געפונען צווישן די וואָס האָבן אַ מאָל פאַרגעטערט טייכן און דעמבעביימער. מע האָט מיר דערציילט אַז ס'איז געווען אַ זעלטנקייט פאַר יידן צו זיין פויערים - פאַרמערס.

אין די צאַריסטישע צייטן איז זיי פאַרבאָטן געווען צו זיין לאַנדבאַזיצערס; דאָך האָבן מיין זיידעס עלטערן פאַרמאָגט לאַנד און עס באַאַרבעט. אפשר האָבן צו זיי אויך געהערט דער טייך און די ריזיקע ביימער אויפן גבול פון זייער פאַרם. דער סוסווע טייך איז געפלאָסן דורך דעם פּראָטעקטיקן טאָל פון דעם ראַיאָן.

אָבער ווו, האָב איך זיך אַ גאַנץ לעבן געוווּנדערט, איז דער מאיר־אַהרון געבוירן געוואָרן. מיין מוטער האָט זייער ערנסט גענומען דעם מינהג אַ נאָמען צו געבן נאָך אַ טויטן. ס'האָט איר ניט געאַרט צו בייטן דעם מין. איך בין אַהרון. פאַר איר פאָטער. אַ מענטש וועמען זי האָט ניט געקענט ביז זי איז געווען אַ דערוואַקסענע. אַ מענטש וואָס האָט געטראַכט, אַז טעכטער דאַרף מען ניט געבן קיין בילדונג, אַרויסנעמענדיק זיינע פינף פון שול צו דרייצן יאָר אויף צו אַרבעטן און העלפן אויפהאַלטן די משפחה. בעת זיין שטעטל אין ליטע איז אָפּגעמעקט געוואָרן אין די סאָוועטישע צייטן, האָבן זיי שוין געוווינט אין אַ וואַשינגטאָן גאַס וואָס עקסיסטירט ניט מער: 4 1/2 Street S.W.

2

23סטער יוני, 1998: דעם טאָג גייען מיר צו די הריגה־פּלעצער. די ערשטע פּאָגראָמען אין קאָוונע - 1941. צום ליעטוקיס גאַראַזש ווו יונגע באַנדיטן א"א האָבן צוזאַמענגעכאַפּט יידן פון דער גאַס און זיי געשלאָגן מיט אייזערנע רערן און דרענגער ביז צום טויט. אָדער נוצנדיק קישקעס פון הויכן דרוק אין זיי אַריינגעפּומפּט וואַסער ביז זיי האָבן געפּלאַצט. אַנדערע קומען היינט און ברענגען בלומען. זיי זאָגן לשון־קודשדיקע תּפילות פאַר די טויטע, וואָס דערמאָנען ניט דאָס וואָרט טויט. די תּפילה הייבט זיך אָן, הייליק און גרויס איז גאָט. פאַר וואָס עפּעס אַזוי הייליק און גרויס? פאַר וואָס ניט אַ

*) מיראַ סקלאַרעוו איז קרוב צו צוויי דעקאַדעס געווען פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין אַמעריקען יוניווערסיטי פון וואַשינגטאָן. זי האָט פּובליקירט אַ צענדליק פּאָעזיע זאַמלונגען און קליינע דערציילונגען. זי האָט געקראָגן אַ פּאָר ווערטיקע פּרייזן.

גאָט וואָס האַלט אָפּ אַזעלכע זאַכן? פֿאַר וואָס אים דאַנקען אָט אויף אַזאַ אויפֿן? פֿאַר וואָס ניט זאָגן: גאָט פֿון מפּלה, וואָס האָט אונדז פֿאַרלאָזט. דער גאָט וואָס איז ניט מיט אונדז אין דער היים. אַ גאָט וואָס איז בלינד און טויב און שטום - אָט ער איז דער גאָט. נאָך דעם שטעלן זיי זיך אָפּ אויפֿן זיבעטן פֿאָרט און לייגן דאָרט בלומען. און ווידער די זעלביקע תּפֿילות. אָבער ניט גענוג מענער פֿאַר אַ מנין. מוז מען מתפּלל זיין אָן צען מענער. איך קען ניט אַרויסהעלפֿן. איך קען ניט זיין בימקום אַ מאַן, אַפֿילו מיט מיין מענערשן נאָמען. אויב כ'זאָל זיך אַפֿילו אָנבאָטן.

3

איך האָב אַרום דעם פּלאַץ געדרייט זיך אַרום און אַרום. במשך פֿון פֿינף יאָר. אַפֿילו אין אָט די צוויי וואָכן, אַלץ נאָך אָן עפּעס צו וויסן. איך האָב זיך אומגעקערט צו יאַסוועון, צו קראָק, צו באָבט, צוגעצויגן פֿון די קליינע הילצערנע הייזקעס, פֿון די בילנדיקע הינט - מער וואָלף ווי הונט - צוגעבונדן אין די הויף מיט שטריק. האַנט־געפֿירטע אַקערס, געשלעפּט פֿון די היי־וועגענער, אַ זיך וויגנדיקער מעכאַניזם געמאַכט פֿון אַ לאַנגן צווייג און אַ שיינענדיק שטיקל גומי אויף אַ הילצערן ברעט, ווי אַ געצייג פֿון מיטלעלטער. צוגעצויגן פֿון דער קופּע געטריקנטע באָב, פֿלוידערנדיק און איינשפּייכלערנדיק די טייוולשע באָב אויף ווינטער. ביי די ליים אויוונס. גענוג גרויס אויף צו וואַרעמען די גאַנצע משפּחה אין ווינטער. צוגעצויגן פֿון הייזער מיט דריי פֿענצטער פֿאָרנט, מע זאָגט מיר, אַז דאָס זענען יידישע הייזער.

עס איז ניט געווען צוליב דעם וואָס כ'האָב זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן ווו איז דאָס אָרט פֿון מיין זיידן. ווייל ניט קענענדיק אים האָב איך ניט געקענט פּסקענען ווו ער האָט געזאָלט וווינען. אָבער כ'האָב געקענט זיין ווייב, מיין באָבען. אין אַנדערע שייכותן, מיין מוטער. אָדער די מוטער וואָס איך האָב געוואָלט זיין. די גשמיותדיקע מיסטעריע פֿון איר קיך - אויפֿגייענדיק טייג אין אַן עמאַל פֿאַן אויפֿן ראַדיאַטאָר, די קליינע גאָלדענע לבֿנהס פֿון אומבאַפּרוכפּערטע אייער פֿון די הינטער, די האָרנאָדל און דער קאָריק וואָס זי האָט גענוצט אַרויסצונעמען די ביינדלעך פֿון די קאַרשן אויף צו פֿרעגלען איינגעמאַכטס. זי האָט פֿאַרפֿלאָכטן אירע שיינע טונקעלע האָר יעדע נאַכט פֿאַרן שלאָפֿן גיין. און נאָך איר טויט האָבן מיינע שוועסטערס און איך זיך געוויקלט אין אירע באַקוועמע פֿלאַנעל כאַלאַטן.

ווי די שאַרית־הפּליטה ווייבער אין ליטע. זייער שיינעם יידיש. ווי די ליטווישע ווייבער אין די 80ער זייערע. ווי אַלעקסאַנדראַ באַלאַנדיענאַ אין דאַטנעווע וואָס איז ערשט געלאָפֿן הינטער אונדזער אויטאָ אין 1993, אונדז נאָכשרייענדיק ביז מיר האָבן געעפֿנט דאָס טירל און זי אַריינגעבעטן אין קאַר. און דער וווּנדער איז, וואָס זי איז געקומען ריידן מיט פֿרעמדע. אפֿשר האָט זי געמיינט אַז מיר זענען לעבן־געבליבענע וואָס קומען צוריק איינמאָנען אונדזערע הייזער, אונדזערע לעבנס אין איר שטאָט. מע זאָגט מיר, אַז ס'איז געווען אונדזער משפּחהס שטעטל - אַזוי פֿיל אונדזערע האָבן דאָרטן דעמאָלט געלעבט. איין טאָג מוז איך איר פֿרעגן פֿאַר וואָס זי איז אונדז דאַן נאָכגעלאָפֿן.

זי רעדט יידיש און פּויליש, רוסיש ליטוויש, דייטש. די יידן, דערציילט זי אונדז, האָבן גערעדט העברעיש, אַז די ליטווינער זאָלן ניט פֿאַרשטיין. איין טאָג, ווען כ'בין געזעסן אויף דער קליינער הילצערנער טאַבורעטקע אין איר שטוב האָט זי פּלוצעם אויפֿגעהערט ריידן און מיך אָנגעקוקט: "דו זעסט אויס ווי..." האָט זי זיך אָפּגעשטעלט,

"לאה לאַפּאַיקאַ". אַ נאָמען אויף וועלכן כ'וואָלט זיך קיין מאָל ניט נאָכגעפרעגט. מיין מוטערס ערשטע קוזינע. לאַנג שוין געשטאָרבן. זי איז געווען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד ווען אין שטעטל איז אָנגעגאַנגען די מאַסן־הריגה און קיין איין ייִד איז ניט לעבן געבליבן. זי איז קורץ נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען. איז עס מיגלעך אַז איך האָב אַ גענוגיקע ענלעכקייט צו אָט די פּערזאָן אַז עס לאָזט צוזאַמענשליסן די אומגעהייערע דיסטאַנץ? אָבער ס'איז גענוג געווען דאָס צו באַשטעטיקן. קיין שום לעבעדיק נפש האָט דאָך דעם נאָמען ניט געקאָנט וויסן אויב ער האָט זי פּערזענלעך ניט געקענט. אַלעקסאַנדראַ איז געווען נאָענט צו מיין משפּחה פאַר דער מלחמה. זי פלעגט אַריינקומען אין זייער היים, קומען צו שול־תּפילות בעת פאַמיליע־יום־טובים. לאהס ברודער שמעון, דערמאָנט זי מיר, האָט געהאַט אויפן פּנים אַ רויטן מוטער־צייכן. "ווייסטו וואָס מיט זיי איז געוואָרן?" האָט זי געוואָלט וויסן.

"אונדזער פאָטער", אַלעקסאַנדראַ רופט אים אַזוי, ווען זי רעדט פון איר מאַן. אָבער לעצטן יאָר, ווען איך קום צוריק צו איר, איז איר קאָפּ באַדעקט מיט אַ שוואַרץ טיכל. איך בין תּמיד צעשראָקן אַז זי וועט אויך אַוועק, אַז איר לעבן וועט זיין אַריבער און כ'וועל זי מער ניט געפינען אין קליינעם שטעטל. און דעמאָלט וועט פאַסירן, אַז מיין צוזאַמענבינד דורך איר וועט ווערן אומזעיק. ווי די כלים פון מיין מאַמען וואָס האָט אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פאַלוירן זייער לעבן ווי נאָר זי האָט מער ניט געלעבט. ווי לאַנג אַלעקסאַנדראַ לעבט נאָך, אַזוי לאַנג לעבן אויך מיינע קוזינעס אין דאַטנעווע. אַזוי לאַנג ווי זי קען דערציילן מעשׂיות וועגן זיי.

מיר קענען איר דאָס מאָל ניט טרייסטן: זי רעדט וועגן איר בענקשאַפט צו גיין און אַוועקלייגן זיך אין קבר לעבן איר מאַן. זי קען זען זיין קבר פון איר פענצטער. איך פרעג צי זי וועט עפּעס זינגען. זי גייט געפינען איר ביבל און הייבט אָן: "מאַריאַ, מאַריאַ..." פאַר טעג און וואָכן און חדשים, האַלט איך די רעקאָרדירקע צו מיין אויער און זינג מיט איר: "מאַר...? אַ, מאַר...? אַ." איך האָב ערשט אויסגעפונען, אין טאָג פון אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט, אַז ווען די ליטווינער זענען אין הונדערטער און טויזנטער געפירט געוואָרן קיין סיביר, האָבן זיי געזונגען אָט דאָס שיינע אומעטיקע ליד. אָט אַזוי הייבט זיך עס אָן:

מאַריאַ, מאַריאַ,
דו לויכטנדיקע ליליע,
דו שיינסט אין די הימלען אין דער הייך.
לינדער די קנעכטשאַפט
העלף די מענטשן
ראַטעווע אונדז פון שרעקלעכע שונאים...

4

אויפן וועג צום זיידן, בין איך אַזוי פיל פעלדער אַריבערגעגאַנגען, אין אַזוי פיל זומפּיקע נעצן געזונקען, אַזוי פיל מצבה־שטיינער געפּאָרשט, אַזוי פיל דערפער, הייסטויגן, אַזוי פיל פראַגעס. אויפן וועג צום זיידן האָב איך דורכגעשפּרייזט דעם פערימעטער פון די רציחה־פּלעצער. אָנגעפּאַטשקעט אויס לענג דעם ראַנד, ווי אַ מאַרגין אַרום די קערפערס. די הייליקע אותיות שלאָפן אין קבר־בערגל, די גרוב אין וועלכער זיי זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן, טייל נאָך לעבעדיקע. די צאַפּלדיקע ערד האָט זיך במשך טעג נאָך דעם באַוועגט. אויפן וועג צום זיידן, האָבן עטלעכע געזען דעם רויטן טומאַן

צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. און דער מענטש אויף וועמעס באָדן ס׳איז פּאַרגעקומען האָט געטענהט, אַז ער איז ניט געווען אין דער היים ווען די שחיטה איז דורכגעפירט געוואָרן. נאָר די אַנדערע האָבן עס ריכטיקער געוווסט. אַפילו זיינע קינדער האָבן דעם אמת דערציילט. אויפן וועג צום זיידן האָט דער מענטש אויפגעהערט שלאָפן אין זיין הויז. אַז ער האָט געפּרוווט צו דער ערד איבערצוקומען זיינע נעכט, האָט עס ניט געהאָלפן. און ער איז פון זינען אַראָפּ וועגן די מערדערייען וואָס זענען אויף זיין לאַנד פּאַרגעקומען. און מיט זיין וויסן און צושטימונג.

5

דער זיידע איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען. איך האָב אים קיין מאָל ניט געקענט. אין אַמעריקע מיט אירע גלייכראַנדיקע גאַסן און אירע גיכריידערס, איז שווער צו מאַכן אַ נסיעה צו אַזעלכע פּלעצער. מיר זענען אין גאַנצן אָפּטימיסטיש. מיר פאַרמאָגן אַ סך לעבנס, וויינין עבר. אַ בשפעדיקע צוקונפט. שאַנסן. אַפילו אין שווערסטן לעבן האָט מען עס. אַפילו די פאַרלוירענע קינדער. אין וועלכע שפּראַכן לאָזן זיך אַזעלכע זאַכן דערציילן? ווי דורך אַ צופאַל געפין איך זיך אין ליטע אין די זכרון־טעג..

אָט איז דאָס הויז פון רב אָסאָווסקי. זיין גוף האָט מען געפונען איבערגעבויגן איבער אַ דף פון תלמוד. וואָס ער האָט געהאַלטן אין לערנען. זיין אָפּגעשניטענער קאָפּ איז געווען צוגעשפּאַרט צום פענצטער ווי אַ כישוף.

אַ סך זענען געווען די פּאַלשע צילן אויפן וועג צום זיידן, נאָר יעדער האָט צוגעגרייט דעם רייזנדן צום קומענדיקן. צי עס איז פּאַזע אָנגעהצטער שטייניקער ערד פון אַ באַרגיקן דאָרף אין עוואַיאָ אָדער אין ווייט גרייכנדיקן סאַהאַראַ מידבר, ווו יידן וואָס זענען אויס ניט מער ווי די ביבלישע אָבות וווינען דאָך דאָרטן. ראַסיין און די געגנט פון יאַסווען, אין ראַיאָן פון קיידאַן אין דער פּראָווינץ פון קאָוונע. דאָס איז די שטענדיקע דאָרפישע סביבה ווו מיר קומט אויס צו פאָרן. לענג אויס דעם סוסווע טייך. מיין זיידע, איז פאַרצייכנט אין יענעם דאָקומענט, מוז זיך יאָוּוען צום פּריזיוו. די דאַטע איז דעצעמבער 22, 1889. איז צו שפּעט. ער איז שוין אַוועק קיין אַמעריקע כאָטש ניט צו שפּעט איז צו באַשטראָפן זיין הינטער־געבליבענע משפחה. אַ שטראָף פון 300 רובל.

דאָן איז שוין מיין זיידע געווען ערגעץ אין אַמעריקע, אין מערב־ווירדזשיניע, אויף אַ פור מיט אַ פערד פאַרקויפנדיק ביסקוויט און אָפּשטעלנדיק זיך אין די שייערס פון די פּאַרמערס אויף צו דאַוונען. אפשר האָבן זיי געטראַכט ווי מאָדנע ס׳איז צו זען אַ יידן אין טלית און מיט אַ יאַרמלקע. אָבער איצט פאַרשטיי איך, אַז ער האָט זיך היימיש געפילט צווישן די שייערן, פורן און פעלדער.

דאָס שטעטל ראַסיין איז נאָענט פון אַן אַלטן צווינטער, דער איינציקער סימן וואָס באַצייכנס אַז דאָרטן איז אַ מאָל געווען אַ דאָרף. אויף קיין שום מאַפּע איז עס ניטאָ. יוכבד, מיין פריינדין, האָט אַראַנזשירט מיך אַהין צו נעמען. מיר זענען געפאָרן צו יאַסווען און אַנגיר אין דער ריכטונג פון קראָק. ראַסיין איז מער ווי איין קילאָמעטער צפון־מערבדיק פון אַנגיר אויף מיזרח זייט פון טייך סוסווע. דער דאָקומענט זאָגט: מאיר־אַהרון וואָלפע, זון פון אליעזר־צמח, פּאַרמערס. אויפן צווינטער, ווו איך קני אין פעלד, צווישן די ווילדע אַסטערס און הויכע גראָזן. דאָס קלייב איך בלומען פאַר מיינע צוויי שוועסטערס און כ׳וועל זיי צוזאַמענפּרעסן צווישן די בלעטער פון אַ בוך פון ליטווישענער פּאָעזיע זיי צו ברענגען אַ מתנה.

פון ענגליש: דוד וואָלפע

משה שקליאַר

# דער גורל פון יידישן שרייבער אין געטאָ

אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע שטייען אונטער גלעזערנע שויבן צוויי אַלטע, מיט ראָסט באַדעקטע בלעכענע מילכקאַנען, וואָס רופן אַרויס ביים באַזוכער אומבאַשרייבלעכע געפילן פון ווייטיק, פּיין און שטאָלץ. דאָס זענען די קאַנען, וואָס האָבן פאַרהיט דעם היינט באַרימטן רינגעלבלום-אַרכיוו, דעם אַרכיוו, וועלכן ד"ר עמנואל רינגעלבלום און זיינע מיטאַרבעטער, צווישן זיי מיין געוועזענער לערער ישראל ליכטענשטיין, האָבן באַגראָבן אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, אינעם הויף אויף נאָוואָליפּקי 68, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ יידיש-וועלטלעכע שול. זיי האָבן די אָנגעזאַמלטע היסטאָרישע דאָקומענטן באַערדיקט נישט לאַנג פאַר זייער אומקום, מיט דעם געדאַנק, אַז זיי זאָלן דערגרייכן צו די צוקונפטיקע דורות. נישט לאַנג נאָכן סוף פון דער מלחמה, אין 1946 יאָר, איז אַ טייל פון דעם אַרכיוו אויסגעגראָבן געוואָרן פונעם אונטערערד און די געפונענע דאָקומענטן, באַשרייבונגען און צונויפגעזאַמלטע גביעות-עדותן, ווי אויך ד"ר רינגעלבלומס אייגנהעגטיקע נאָטיצן האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך אויפצושטעלן אַ בילד פונעם לעבן, גערמאַנגל און אומקום פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ, און נישט בלויז אין וואַרשעווער. דורך זיינע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט ד"ר רינגעלבלום געגרייכט ווייט אויסער די מויערן פון וואַרשעווער געטאָ און געזאַמלט און נאָטירט ידיעות. דער צווייטער טייל פונעם געטאָ-אַרכיוו איז ערשט געפונען געוואָרן אין יאָר 1950.

אַדאַנק דעם אַרכיוו, וואָס ד"ר רינגעלבלום און זיינע מיטאַרבעטער האָבן געזאַמלט מיט אַזוי פיל מי און מסירות-נפש אין די שרעקלעכע געטאָ-באַדינגונגען, זענען צו אונדז אויך דערגאַנגען טיילן פון די לעצטע שאַפונגען פון די יידישע שרייבערס, וועלכע האָבן געליטן אין געטאָ צוזאַמען מיט זייער פאָלק, און אַ סך מאָל געליטן מער פון אַנדערע, ווייל אַזאַ איז שוין די נאַטור און דער גורל פון שרייבער.

דער יידישער שרייבער איז, ווי אַ כלל, אַרויסגעוואַקסן פון די טיפענישן פון פאָלק און אין זיינע שאַפונגען האָט ער פאַרשפּיגלט אַלע סאָציאַלע און מאָראַלע ווידעראַנאַנדן אין דער יידישער געזעלשאַפט, אירע נאַציאָנאַלע שטרעמונגען און וויזיעס. אַזוי איז געווען זינט דעם סאַמע אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, און אַזוי איז עס אויך געווען אינעם טראַגישסטן פּעריאָד פון אונדזער פאָלק, ווען דאָס גאַנצע פאָלק אונדזערס איז געשטעלט געוואָרן פאַר דעם גרויסן נסיון פון גערמאַנגל פאַר אויפהאַלטן די סאַמע פיזישע עקזיסטענץ און נישט פאַרלירן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטש, אין אָנבליק פון דער נאַצישער בעסטיע, וועמענס ציל איז געווען די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק. און זי, די בעסטיע, האָט זיך באַמיט דעם דאָזיקן ציל צו פאַרווירקלעכן מיט דער באַוווסטער דייטשישער פּינקטלעכקייט און אכזריות.

אָט דער היסטאָרישער אמת, דער טיפער צוזאַמענבונד פונעם יידישן שרייבער מיטן פאָלק, לאָזט זיך בולט מערקן ווען מען באַקענט זיך, אַפילו אויבערפלעכלעך, מיט דער טעטיקייט און מיט די שאַפונגען פון די יידישע שרייבערס אין די געטאָס פון פּוילן און מיט זייער טראַגישן גורל, דעם גורל וועלכן זיי האָבן געטיילט ביז דער לעצטער מינוט מיט דעם פאָלק וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, זיך געראַנגלט און געקעמפט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, ביז עס איז פאַרברענט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס פון

די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן.

דער יידישער שרייבער איז אָבער נישט געווען בלויז אַ פּאַסיווער שילדערער־אָפּשפּיגלער פון דער רעאַלערווירקלעכקייט; ער איז עס קיין מאָל נישט געווען און איז עס אויך נישט געווען אין די טראַגישע צייטן פון געטאָ. אין די בעסטע טראַדיציעס פון דעם גרויסן י.ל. פּרץ, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר יידישע יתומים בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און יידישע שולן אָרגאַניזירט פאַר די היימלאָזע קינדער, איז דער יידישער שרייבער מיט זיין ווירקנדיקן וואָרט געווען אַן אַקטיווער אָנטייל נעמער און אָרגאַניזאַטאָר פון געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין געטאָ און האָט פאַרשטאַנען זיין היסטאָרישן חוב נישט אַרויסצולאָזן די פעדער פון האַנט און אין די ערגסטע באַדינגונגען פון אומדערטרעגלעכן הונגער, פון קוקן טאָג־טעגלעך דעם טויט אין די אויגן, געשאַפן ווערק, וואָס זאָלן בלייבן פאַר די צוקונפטיקע דורות דאָקומענטן פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט.

ווי עס דערציילט ד״ר רינגעלבלום אין זיינע געטאָ־נאָטיצן, האָבן די שרייבערס געשאַפן אין געטאָ די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע (איקאָר), זיי זענען געווען אַקטיוו אין די הויז־קאָמיטעטן און גאָר באַזונדערס אין דער אַליינהילף און אין דער געזעלשאַפטלעכער קיך, וואָס האָט געשפּייזט די הונגעריקע און נויט־ליידנדיקע. און אַזוי איז אויך געווען אין ווילנער געטאָ, ווו עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקונג פון יידישע שרייבערס, קינסטלערס און אַרטיסטן, וועלכע האָט חוץ דער געוויינטלעכער קולטור־אַרבעט אויך אָרגאַניזירט קעגנזייטיקע הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע. דאָס זעלבע אין לאָדזשער געטאָ, ווו שרייבערס האָבן געזאָרגט פאַר גייסטיקער שפּייז פון די געטאָ־אסירים.

וואָלט דער קדוש ד״ר עמנואל רינגעלבלום, דער היסטאָריקער פון געטאָ, פון יידישן אומקטום, פיין און גבורה, געהאַט די מעגלעכקייט, ווי דער לעגענדאַרער נח, איינצוזאַמלען אין אַ תבה כאָטשבי צו צוויי פון איטלעכן מין, פון אַלץ וואָס יידן האָבן געשאַפן פאַרן מבול, און אויך אין דער צייט ווען דער ברוינער מבול האָט געבושעוועט איבער אייראָפּע, נישט קיין פערציק טעג און נעכט, נאָר מער ווי פערציק מאָל פערציק, וואָלט ער עס אוודאי געטאָן. אָבער ער האָט די מעגלעכקייטן נישט געהאַט, און אפשר האָט זיך גאָט נישט אַנטפּלעקט צו אים אין יענער פינצטערער צייט, נאָר געהערט האָט ער די שטים פון פאָלק, וואָס איז געפירט געוואָרן טאָג־איין טאָג־אויס צו דער שחיטה; די שטים, וואָס האָט געמאָנט אין אים: פאַרשרייב, זאַמל צונויף אונדזערע רעשטלעך, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין פאַר דער געשיכטע! און ער האָט פאַרשריבן, געזאַמלט גביית עדות בלעטל צו בלעטל, און דאָס אַלץ אַריינגענומען אין זיין תיבה – אין די בלעכענע מילכקאַנען, און נישט אויפן וואַסער האָט ער זיי געלאָזט שווימען ווען די בלוטיקע כוואַליעס זענען שוין דערגאַנגען ביז איבערן האַלדז, נאָר טיף אין דער ערד פאַרגראָבן.

ווען נישט די מיפּולע, קרבנותפולע אַרבעט פונעם היטאָריקער עמנואל רינגעלבלום און זיינע מיטאַרבעטער פון דער אינסטיטוציע "עונג שבת", וואָס איז געווען דער קריפּטאָנים פונעם געטאָ־אַרכיוו, ווער ווייסט צי מיר, די לעבן געבליבענע, די על פּי נס ניצול געוואָרענע וואָלטן זיך ווען עס איז געקאָנט שאַפן אַ פאַרגאַנצט בילד פון יענע שוידערלעכע, קאָשמאַרפולע צייטן.

בלעטערן מיר איצט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל רינגעלבלומס "כתבים פון געטאָ" און צוזאַמען מיט דעם טראַגישן בילד פונעם געראַנגל און אומקום פון פוילישן יידנטום קומט אויף פאַר אונדז דער שוידערלעכער גורל פון די יידישע שרייבערס וועלכע מיר ווילן היינט דערמאָנען.

"עס איז צו באַוווּנדערן - נאָטירט רינגעלבלום - אַז אין די דאָזיקע שרעקלעכע באַדינגונגען, ווען דער יידישער שרייבער האָט אָפט מיט זיין פאַמיליע אונטערגעהונגערט ווען, נישט אין 1940 און נישט אין 1941 און אוודאי נישט אין 1942 איז קיין קוילן אין שטוב נישט געווען - האָט דער יידישער שרייבער ווייטער געטאָן זיינס. דער יידישער שרייבער האָט אַ סך געשריבן אין דער צייט פון דער מלחמה. און וואָלט דאָס אַלץ אויפגעהיט געוואָרן, וואָלט עס געווען אַ וויכטיקער דאָקומענט פון דער צייט. די טראַגיק פון אונדזער גורל האָט געוואָלט, אַז מיטן אויסנאַם פון די שרייבערס, וואָס זענען אַוועק קיין מזרח, ווענן וועמענס גורל מיר ווייסן גאָרנישט, זענען אַלע שרייבערס, זשורנאַליסטן און אַנדערע אומגעקומען". די דאָזיקע ווערטער האָט ד"ר רינגעלבלום געשריבן שוין נאָך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ווייטער ווערן דערמאָנט אַ ריי נעמען מיט קורצע באַשרייבונגען פון זייער גורל; עס ווערן דערמאָנט אַזעלכע באַוווּסטע יידישע שרייבערס ווי **שיע פערלע**, **יחיאל לערער**, **שלמה גילבערט**, **קלמן ליס**, **הלל צייטלין**, **ישראל שטערן**, **יאַקיר וואַרשאַווסקי**, **יוסף קירמאַן**, **אַלטער קאַציזנע** אַנדערע נעמען, ווי **פרץ אָפּאָטשינסקי**, **זלמן סקאַלאָוו**, **יהודה פעלד** וועמענס שאַפונגען זענען געפונען געוואָרן אין די פאַרגראָבענע מילכקאַנען, ווערן נישט דערמאָנט. ווייזט אויס, אַז רינגעלבלום האָט נאָך נישט געוווּסט וועגן זייער טראַגישן גורל בעתן שרייבן די דערמאָנטע נאָטיצן און אוודאי האָט ער אויך נישט געוווּסט וועגן טראַגישן גורל פון דער ווונדערלעכער ליריקערן מרים אולינאָווער און איר לאַנדסמאַן דעם יינגערן דיכטער שמחה בונים שייעוויטש, דעם מחבר פון דער פּאָעמע "לך לך".

וועגן דעם דיכטער שייעוויטש און זיין פּאָעמע "לך לך" שרייבט אין אירע זיכרונות די באַוווּסטע שרייבערין חוה ראָזענפאַרב, אַליין אַן על פּי נס געראַטעוועטע פון לאָדזשער געטאָ: "ער איז געווען דער געטאָ־דיכטער פּאַר־עקסעלאַנס. זיין שרייבן איז געקומען אַזוי נאָענט ווי עס איז מעגלעך צום אָפּשפּיגלען די אַטמאָספער פון דעם אויסנעמלעכן, סורעאַלן אַנדערוועלטיקן געטאָ־לעבן וואָס עס זענען גאָר קיין ווערטער נישט פאַראַן עס צו באַשרייבן. זיינע לידער האָבן פאַררעגיסטרירט די דינסטע וויבראַציעס פון אַ געטאָ־יידס נשמה און האָבן אַרויסגעבראַכט דעם געטאָ־יידס מאָראַלישע שטעלונג אין פּנים פון אומדערהערטן אכזריות"... און ווייטער: "אין די שורות פון אָט דער פּאָעמע ("לך לך") פילט זיך אַ נביאישער אָטעם. אינטויטיוו באַנעמט ער, אַז אָט די מאַרשן צום זאַמלפּלאַץ זענען מאַרשן צו צעשיידונג און אומקום".

די צעשיידונג, וואָס דער דיכטער באַשרייבט, איז מיט זיין איינציקער טאָכטער בלימלע, צו וועלכער ער רעדט מיט צאַרטער פּאָעטרלעכער ליבשאַפט:

און אַצינד בלימעלע, קינד־לעב / צוים דיין
קינדערישע פרייד - / ס'קוועקזילבערדיקע טייכל אין דיר - /
און צום אומבאַקאַנטן וועג לאָמיר זיין גרייט...

און בלימעלע איז געגאַנגען דעם אומבאַקאַנט, וועג, ווי הונדערטער טויזנטער אַנדערע בלימעלעך, און מער נישט צוריקגעקומען...

ער האָט אויך נישט געוווּסט, רינגעלבלום, וועגן די אַנדערע לאָדזשער שרייבערס וועלכע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין מרים אולונאָווערס אָרעמער שטוב און זענען אַלע, חוץ געציילטע על פּי נס ניצול געוואָרענע, אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ, אָדער אין די היטלעריסטישע טויט-לאַגערן; ער האָט אויך נישט געוווּסט וועגן גורל פון דעם שפּעטער פונעם פאַרטיזאַנער-הימן הירש גליק און די אומגעבראַכטע שרייבערס און פּאָעטן **משה שאַליט, דוד אומרו, משה לעווין, שלום זשירמאַן, שמשון קאַהן, חיים סעמיאַטיצקי** און אַנדערע פון ווילנער געטאָ. און נישט וועגן גורל פונעם באַוווּסטן פאָלקס-דיכטער **מרדכי געבירטיג**. וועלכער האָט נאָך פאַר דער מלחמה געוואָרנט: "עס ברענט, ברידערלעך, ס'ברענט" און איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע יידן פון קראָקעווער געטאָ.

מען וואָלט נאָך געקאָנט דערמאָנען אַ סך, גאָר אַ סך נעמען פון יידישע שרייבערס, זשורנאַליסטן און קינסטלערס, וויסנשאַפטלער, אַקטיאָרן, וועלכע זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער און אין אַנדערע געטאָס און וועגן לאַגערן און וועגן וועלכע עס זענען דערגאַנגען ידיעות צו אונדז אָדער דורכן אונטערערדישן געטאָ-אַרכיוו, אָדער דורך אַנדערע קוואַלן. דאָס בלויזע אויסרעכענען די דאָזיקע נעמען וואָלט אפשר פאַרנומען צו פיל אָרט (אינעם יידישן ליטעראַטן-פאַראיין, וואָס האָט געהאָט באַנייט זיין מעטיקייט באַלד נאָך דער מלחמה אין לאָדזש, איז געהאָנגען אַ גרויסער טאָוול מיט איבער הונדערט נעמען פון אומגעקומענע יידישע שרייבערס). איין זאַך ווייסן מיר: אַלע האָבן זיי געטיילט דעם טראַגישן גורל פונעם פאָלק.

אַנשטאָט אויסרעכענען נעמען, וועלן מיר בעסער זיך פּרוּוון אָפּשטעלן אויף איניקע שאַפונגען פון יידישע שרייבערס אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן אין ד"ר רינגעלבלומס בלעכענע מילכקאַנען. איינער פון די אויפטרייסלענדיקסטע דאָקומענטן פון יענער שוידערלעכער צייט איז שיע פּערלעס קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש א"נ "45-80". מען דאַרף דערמאָנען, אַז שיע פּערלע איז געווען פאַר דער מלחמה איינער פון די אָנגעזעענסטע און פּרוקטבאַרסטע יידישע שרייבערס אין פּוילן, דער מחבר פון אַ ריי באַטייַנדיקע ווערק וועגן לעבן פון יידישן בירגערטום און פּשוטע פאָלקס-מענטשן, צווישן וועלכע זיין ראָמאַן "יידן פון אַ גאַנץ יאָר" האָט אַרויסגערופן באַזונדערן ענטוזיאַזם ביי די לייענער און קריטיקערס. געשריבן האָט פּערלע דעם דערמאָנטן רעפּאָרטאַזש נאָך דער גרויסער אויסזידלונגס-אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ אין די חדשים יולי-סעפּטעמבער 1942, ווען העכער 300 טויזנט וואַרשעווער יידן זענען דורכן אומשלאַג-פּלאַץ געשיקט געוואָרן צום טויט אין די גאַז-קאַמערן פון טרעבלינקע. געבליבן זענען בלויז יענע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שקלאַפן-שאָפּן, באַרויבטע פון אַלץ און פון אַלעמען, אַפילו פון זייער מענטשלעכן איך. אַנשטאָט נעמען האָבן זיי געהאַט נומערן.

"...און מיר איז גוט - שרייבט פּערלע סאַרקאַסטיש - איך בין אַ נומער. מיר איז גוט וואָרעם נישט יעדער איינער איז זוכה געווען זיך איינצוקויפן אַ נומער און עקזיסטירן מיט אַ לעגאַל לעבן אין אויסגעבלוטיקטן געטאָ. די אַלע, וואָס זענען צו דעם נישט "זוכה געווען" זענען געפאַלן פון שונאס מעסער, אָדער מוזן זיך וואַלגערן אין באַהעלטעניש אָדער ווילדע מקומות אין געטאָ ווי אַן איבעריקער, אומגעוווּנטשענער, אומלעגאַלער עלעמענט, אויף וועלכן עס לויערט דער פאַרלענדער, ווי אויף אַ געפּלאָגטער חיה, וואָס מוז אומקומען. איז דעריבער גוט און וויל דעם נומער. ווייל ער איז דערוויל

פֿאַרמשפּט צום לעבן".

אָבער איידער עס איז צו דעם דערגאַנגען, איידער די מענטשן אין געטאָ זענען געוואָרן נומערן, זענען זיי טאָג־טעגלעך געפּייניקט געוואָרן דורך די שרעקלעכע רדיפֿות, עפּידעמיעס און הונגער. הונגער! אָט ווי עס שילדערט דעם געשפּענסט פֿון הונגער דער שרייבער פּרץ אָפּאָטשינסקי אין זיין רעפּאָרטאַזש א"נ "דער בריוו־טרעגער". אָפּאָטשינסקי אַליין איז טאַקע געווען אַ בריוו־טרעגער אין געטאָ און ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען פֿון דער סאַמע נאָענט די ליידן און פּיין די געטאָ־אסירים. ער שרייבט:

"...די אַלע עגמת־נפֿשן, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט געהאַט אויסצושטיין טאָג־איין טאָג־אויס זענען געווען אַ גאָרנישט אַנטקעגן די שרעקלעכע בילדער פֿון עלנט און נויט וואָס ער האָט געמוזט צוזען, גייענדיק און וואָגלענדיק פֿון שטוב צו שטוב אינעם יאָמער־טאָל פֿון קראָכמאַלנע, אָסטראָווסקע, סמאָטשע און ניסקע. (אגב זענען די דערמאָנטע גאַסן אויך פֿאַר דער מלחמה און געטאָ באַוווינט געווען פֿון די סאַמע אַרעמסטע שיכטן פֿון דער וואַרשעווער יידישער באַפֿעלקערונג - מ.ש). אין די דאָזיקע גאַסן זענען די טירן פֿון די וווינונגען געווען פֿאַרשלאָסן ביזן שפּעטן טאָג אַריין, מענטשן זענען געלעגן ביז צוויי, דריי בייטאָג אין די בעטן. אַנדערע זענען איבערהויפּט גאָרנישט אויפֿגעשטאַנען, נישט האָבנדיק צו וואָס. אין די ווינטער־טעג האָט מען אין די שטובן פֿון גרעסערע פֿאַמיליעס געקאָנט טרעפֿן צען־צוועלף מענטשן, אָפֿט מאָל יונגע מאַנסלייט אָדער פֿרויען ליגן אין די בעטן, ליגן מיט בלייכע פּנימער און פֿיבערדיקע אויגן און שלינגען די סלינע אין מויל".

ביי דעם אַלעמען, אין אָט די שוידערלעכע באַדינגונגען, איז נישט אָפּגעטעמפּט געוואָרן, נאָר אפשר נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן דער משפּחה־בונד, די ליבשאַפֿט פֿון עלטערן צו קינדער און פֿון קינדער צו עלטערן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יידישע היימען. באַזונדערס דעמאָלט ווען קינדער זענען בגוואַלד אַוועקגעריסן געוואָרן פֿון טאַטע־מאַמע און מען האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זיי איז געשען. די דאָזיקע געפֿילן ברענגט צום אויסדרוק דער צאַרטער ליריקער יחיאל לערער, דער מחבר פֿון דער פּאָעמע "מיין חיים", וועלכער האָט האַרט פֿאַר דער מלחמה באַקומען אַ פּרעמיע פֿון יידישן ליטעראַטן־פֿאַראיין אין וואַרשע פֿאַר שילדערן אין בונטע פֿאַרבן דאָס יידיש לעבן אין שטעטל. זיין פּאָעמע "אויסגעבענקטער פֿרילינג" איז אָפּגעפֿונען געוואָרן אינעם אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו.

אַ מער פֿאַראַלגעמיינערט בילד פֿונעם געטאָ־לעבן, וואָס נעמט אַרום נישט בלויז מאַטיוון פֿון הונגער, נויט און אויסזיכטלאָזיקייט, געפֿינען מיר אינעם ראָמאַן פֿון זלמן סקאַלאָוו אונטערן כאַראַקטעריסטישן נאָמען "האַק און קרייץ"; אין די דערציילונגען פֿון יהודה פֿעלד, ווי "גירוש פּ - ק" וועגן דעם יידן־גירוש פֿון א"ג וואַרטע־לאַנד); און אַ ריי אַנדערע וועלכע דער מחבר האָט באַטראַכט ווי אַ גאַנצקייט, דעם פֿאַרמעסט צו געבן אַ סינטעטיש בילד פֿונעם געטאָ זעען מיר אויך אין די אָפּגעפֿונענע לידער און פּאָעמעס פֿונעם באַוווּסטן העברעיש־יידישן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז אפשר געווען דער סאַמע פּרודוקטיווסטער שרייבער אין וואַרשעווער געטאָ, וווהין ער איז געקומען מיט זיין משפּחה פֿון לאָדש, ווו ער איז לאַנגע יאָרן געווען דירעקטאָר פֿון אַ העברעישער גימנאַזיע. ער האָט אויך נישט אַרויסגעלאָזן די פּען פֿון האַנט אין די שוידערלעכע באַדינגונגען פֿון היטלעריסטישן לאַגער. טאַקע דאָרט, אינעם לאַגער אין

וויטעל (פראַנקרייך), וווהין ער איז פאַרטראָגן געוואָרן דורך אַן אָפּנאַרערישן היטלערישן מאַנעוור, האָט ער אָנגעשריבן די היינט שוין באַרימטע פּאָעמע ״דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״. די פּאָעמע איז צוזאַמען מיט אַנדערע קאַצענעלסאָנס כתבים אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך אַ פראַנצויזישער פרוי.

ווי געזאָגט האָבן די יידישע שרייבערס אין די געטאָס געטיילט דעם גורל פונעם פאָלק. אַנדערש האָט עס גאָר נישט געקאָנט זיין! צו דעם זענען זיי געווען דיספּאָנירט מיט זייער גאַנצער טעטיקייט און שאַפן. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, ווען די היטלעריסטישע חילות האָבן זיך אַריינגעריסן אויף דער פוילישער ערד, האָט דער באַוווּסטער שרייבער שמעון האָראָנטשיק זיך דאָס לעבן אָפּגענומען, פאַרפילנדיק דאָס אַלץ, וואָס וועט נאָך קומען. און דער מחבר פון קרימינעלע ראָמאַנען אורקע נאַכאַלניק (פאַרבעראָוויטש) איז אין יענע טעג, ווי אַנדערע טויזנטער יידן, דערשאָסן געוואָרן אויף דער גאַס דורך די דייטשישע רוצחים. און אַ ביסל שפּעטער, אין יוני 1941, איז דער שרייבער אַלטער קאַציזנע, דער מחבר פון פּילצאָליקע ראָמאַנען און דראַמאַטורגישע שאַפונגען, דערשלאָגן געוואָרן צום טויט מיט שטעקנס דורך אוקראַינישע פאַשיסטן, אַנטלויפנדיק צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פון לעמבערג. מיט מער ווי אַ יאָר פריער האָב איך געזען דעם שרייבער אויף די גאַסן פון דער מערב־אוקראַינישער שטאָט קאָוועל ווי ער איז געשטאַנען און געווישט פון די אויגן טרערן פון פרייד אין אָנבליק פון די מאַרשירנדיקע רויטאַרמייער, וועלכע זענען געקומען ווי באַפרייער... שפּעטער האָט זיין דראַמע ״דעם יידנס אָפּערע״, וועגן לעבן פון די מאַראַנען אין פּאָרטוגאַל, געזאָלט אויפגעפירט ווערן אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. נאָר נישט דער מחבר האָט דערלעבט דערצו, און נישט דער ״גאָסעט״...

אין לעמבערגער געטאָ זענען שפּעטער אומגעקומען די באַוווּסטע יידישע שרייבערס י.ל. זשיטניצקי, דוד קעניגסבערג, בער שנאַפּער, ירחמיאל גרין, וועלכער האָט געהאַט געמאַכט אַ רושם אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין ראָמאַן ״די וועבער פון קאָלאָמיי״; דער דיכטער יעקב שודריך, משה שימעל, וועלכער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף פויליש אונטערן נאָמען מאַוריצי שימעל, און איז שפּעטער געוואָרן אַ באַוווּסטער יידישער דיכטער, און אַ ריי אַנדערע.

און צי דערמאָנט נישט דער גורל פון אַזוי פיל געטאָ־אסירים די טראַגעדיע פון איינעם פון די באַטייטנדיקסטע יידישע דיכטערס, ישראל שטערן, וועגן וועמען רינגעלבלום שרייבט אין זיינע נאָטיצן: ״דער שטילער, באַשיידענער דיכטער, דער אמתדיקער ל״וניק... האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען שטיצע און שפּייז־פּעקלעך פאַר זיך. ער איז אַרומגעגאַנגען שטיל ווי אַ טויב און געהונגערט. פריינד האָבן זיך דערוווּסט, אַז שטערן גייט אַרום אַ געשוואָלענער פון הונגער. האָט מען פאַר אים געשאַפן אַ פּריוואַטע דירה, אַריבערגעטראָגן אַהין דעם דיכטער, געזאָרגט פאַר אַ בעסערער דערנערונג און אַ האַלב פאַרחלשטן געראַטעוועט פון טויט... בשעת איינער פון די צאָלרייכע סעלעקציעס ווערט שטערן צוגענומען אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאָרט קיין טרעבלינקע. זיינע כתבים זענען צוזאַמען מיט אים פאַרשוווּנדן״. אַזוי פיל עמנואל רינגעלבלום. וואָלטן אָט די כתבים, ישראל שטערנס, דערגאַנגען צו אונדז, ווי רייכער וואָלט אונדזער ליטעראַטור וועגן דער חורבן־צייט געווען! ישראל שטערן איז דאָך געווען נישט בלויז אַ טיף פילנדיקער און דענקענדיקער דיכטער, נאָר אויך אַ גרויסער ערודיט אין זיינע פילאָסאָפיש־ליטעראַרישע עסייען. נישט אומזיסט האָט נאָך דער

מלחמה ה. לייוויק זיך פֿאַרנומען מיט צונויפֿזאַמלען און אַרויסגעבן ישׂראל שטערנס ליטעראַרישע ירושה.

ממש צו אַ סימבאָל דערגייט דער טויט פֿונעם גרייז־גרויען שרייבער און רעליגיעזן דענקער הלל צייטלין, דער פֿאָטער פֿונעם באַוווּסטן דיכטער אהרן צייטלין, וועלכער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אין אַמעריקע. אין דער צייט פֿון דער ערשטער ליקווידאַציע פֿון געטאָ, זומער 1942 - גיט איבער רינגעלבלום - האָט ער, הלל צייטלין, אויפֿן וואָגן וואָס האָט אים געפֿירט צום אומשלאַג־פּלאַץ אָנגעטאָן דעם תּלית און הויך געזאָגט ווידוי. מער איז ער נישט צוריקגעקומען...

און פּונקט ווי הלל צייטלינס ווידוי איז אויך סימבאָליש דער וויי־געשריי, וואָס רייסט זיך אַרויס פֿון יצחק קאַצענעלסאָנס ברוסט אין זיין "ליד פֿונעם אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק".

אויך קאַצענעלסאָן איז פּערזענלעך (פֿאַרשניטן) געוואָרן צוזאַמען מיט זיין אויסגעהרגעטן פֿאָלק. אָבער איידער ער איז אומגעקומען האָט ער נאָך באַוויזן צו זיין אַן עדות פֿונעם ערשטן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אין יאַנואַר 1943. אַן אַנדער עדות פֿון דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד, די פּרעלודיע צום העראָישן אויפֿשטאַנד פֿון אַפּריל 1943, איז געווען דער יידיש־פּוילישער שרייבער **וולאַדיסלאַוו שלענגעל**. פֿון די טיפֿענישן פֿון זיין האַרץ האָט זיך דאַן אַרויסגעריסן אַ טריומף־ליד "קאָנראַטאַק", אין וועלכן ער באַזינגט דעם מוט פֿון די יידן, וועלכע זענען באַטראַכט געוואָרן פֿון די דייטשישע "איבערמענטשן" ווי פֿלייש, וואָס ווערט געפֿירט צו דע שחיטה:

אין שאָפּן פֿונעם דייטש
זינגען קוילן מיט פֿריידיק געזאַנג
דעם בונט פֿון פֿלייש!

דעם בונט פֿון פֿלייש!!!
פֿלייש שפּייט מיט גראַנאַטן פֿון פֿענצטער,
פֿלייש בייסט מיט רויטע פֿייער־פֿלאַמען
און קלאַמערט זיך אין זוים פֿון לעבן -
העי! ווי גוט איז צו שיסן אין שליפֿיעס די שונאים!
דאָ איז אַ פּראָנט מיינע הערן!
דאָ איז אַ פּראָנט, הערן פּחדנים!
היער
טרינקט מאַן מער קיין ביער!
היער
האַט מאַן מער קיין מוט...
בלוט...
בלוט...
בלוט....

(מיין איבערזעצונג - מ.ש.)

מיט דעם ווייטיקפֿולן טריומף־רוף פֿונעם פּויליש־יידישן דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל רופֿט זיך איבער דאָס ליד פֿונעם יונגן ווילנער פּאָעט הירש גליק "זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג... קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה, עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט מיר זענען דאָ!"

(סוף אויף ז' 33) ◄

## רבקה באַסמאַן בן־חיים / ישׂראל

# פריליִנג

די דזשאָקאָראַנדע האָט פּאַרפּלייצט תל־אָביבער גאַסן
און מענטשן האָבן זיך דערטרונקען אין דעם בלי.
פּאַרבײַגייערס - געשמייכלט צו דער לילקייט,
פּאָעטן - ניט פֿאַרשטאַנען, ווי

אָן בלייערס, אָן פּאַפּיר אַזאַ מין שאַפונג,
אָן אויסגעמעקטע שורות רייד,
באַווייזט זיך פלוצעם מיט אַזאַ פאַרגאַפונג
און זינגט זיך לילערהייט.

די דזשאָקאָראַנדע האָט פּאַרפּלייצט תל־אָביבער גאַסן
און מענטשן האָבן זיך געטרונקען אין איר בלי,
פּאַרבײַגייערס - געשמייכלט צו דער לילקייט,
פּאָעטן - ניט פֿאַרשטאַנען, ווי...

## ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

# בראשית

בראשית - אין אָנהייב
געוועון איז דער חלום
און אויפגעגאַן פלוצלינג
אַ וואָרער געוואָרן
און שפּעטער נאָך אַלעם
ווען אַלצדינג פאַרלאָרן
געבליבן איז אַלץ נאָך
דורך יאָרן און יאָרן
פאַרטייטשן באַטראַכטן און
בענקען נאָך ווּעמען
וואָס פריער פּאַרפאַלן
אין ווייטן מהלך
און קריק זיך דערהויבן
אויף נישט צו דערגרייכן
ווי שטערן אין הייכן
אין הימל אין קלאָרן
ווידער געבאָרן
ווי אין בראשית
אין אין־סוף פון חלל
אַ חלום געוואָרן
אַ חלום.

## לייב באַראָוויק

# פון שפּאַניע ביז דור פון מיידאַנעק

דורך וועגן סכנהדיק שווער,
דורך וואַנדער ווו וועלט האָט אַן עק,
דורך שטורעמס, דורך וויסטער צעשטערונג
עס שיינט פאַר אונדז היימישער וועג,
פון שפּאַניע ביז דור פון מיידאַנעק
געפּרוּווט און געלייטערט אין פּיין,
אַנטרונען דורך לענדער און ימען
מיר זיינען געליבן צו זיין.
דער טרוים פון דעם חוזה, דעם נביא,
דורך דורות באַגלייט אונדזער שטאַם:
והיה באחרית הימים
וועט הויזן אַ וואָלף מיט אַ לאַם.
עס ליכטיקט אין אונדזערע תפילות
דער חלום צו ווערן דערלייזט.
די אַלטע כתב־ידן, מגילות,
זיי וועקן אַ האָפנונג, אַ טרייסט.
זיי וועקן דעם גייסט פון פּיאָנירן,
מאַרטירערס און העלדן אָן צאָל.
מיר וועלן די ווערטן פון אונדזער
געליטענעם יידישן פאָלק
מיט אהבה היטן, מיט קדושה
ווי לאַנג ס׳וועט אונדז טראָגן די ערד,
עס זאָל אונדזער וונדער־ירושה
חלילה ניט ווערן צעשטערט.

---

(סוף פון ז׳ 31)

–דאָס ליד וואָס האָט דורך וועגן און אומוועגן זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער געטאָס און לאַגערן און האָט דערגרייכט ביז אונדזערע צייטן, צינדנדיק הערצער מיט זיינע פלאַמיקע, נביאישע ווערטער.

מיט דעם האָבן מיר אָנגעהויבן, און מיט דעם וועלן מיר פאַרענדיקן: דער יידישער שרייבער איז אַלע מאָל געווען און ער איז אַ טייל פונעם פאָלק. פאַרן פאָלק האָט ער געשאַפן, מיטן פאָלק האָט ער געלעבט, מיטן פאָלק האָט ער געליטן און מיטן פאָלק איז ער אומגעקומען אין די געטאָס און לאַגערן. איז לאָמיר זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן! זאָלן, לכל הפחות, זייערע נעמען זיין איינגעקריצט אין אונדזער זיכרון!

## לילקע מייזנער

# שאָטנס מיינע...

די שטילקייט פון דעם יונגן פרימאָרגן האָט איבערגעריסן אַ הילכיק געלעכטער, אַ געלכעטער, וואָס האָט זיך געקייקלט מיט קורצע איבעררייסן, און נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן פון דאָסניי. די זון איז נאָך געווען הויך אין הימל, און די גאַס האָט זיך פּאַמעלעך געוועקט צום לעבן. די פֿענצטער פון די הייזער, נאָך פאַרהאָנגען מיט נאַכט, האָבן זיך ביסלעכווייז געוועקט. איך האָב אַרויגעקוקט צום זוניקן דרויסן און געזען אַ פיגור אין היימלאָזן הולך גיין פון טראַטואַר צו דעם מיטן גאַס, אַהין און צוריק אין זיגזאַגישע טריט, שטופּנדיק דעם וואָגן. פון זיך צו זיך. אָט האָט ער איבערגעריסן די פרימאָרגנדיקע שטילקייט מיט זיין הילכיקן, משונהדיקן געלעכטער. זיינע טשלאַפּנדיקע פיס זענען אין דעם זיגזאַגישן טאַנץ געווען מאָדנע לייכט. דער שוואַרצער מאַנטל, לאַנג און שטייף פון שמוץ, האָט געפלאַטערט ווי דער ווינט וואָלט אים געטראָגן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ווייטער אָנגעהויבן לאַכן. די זון האָט אַראָפּגעגנידערט, וואַרעמער געוואָרן – די פאָרשלאָפענע גאַס האָט זיך אויפגעוועקט, פענצטער געעפנט, אויטאָס האָבן גענומען לויפן, ווו נישט ווו האָט זיך באַוויזן אַ האַלב־פאַרשלאָפן געשטאַלט, וואָס האָט זיך שנעל אַריינגעזעצט אין אויטאָ און געגאַנגען זיין וועג. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף "אים" – ער איז געגאַנגען אין זיין טאַנץ־גאַנג, און געלאַכט – געלאַכט פון גאָטס מאָדנע וועלט. זיין פאַרמעגן – דאָס וועגעלע – האָט מיטגעטאַנצט מיט אים. און פּלוצים איז ער שטיין געבליבן... אַרויפגעקוקט צום בלויען הימל און זיך אַזוי הילכיק צעלאַכט, מיט אַזאַ כוח, אַז זיין גאַנצער קערפער האָט זיך איינגקאָרטשעט און געוואָרן אַ גרויסער שוואַרצער קנויל, וואָס איז איצט געלעגן שטום אין מיטן גאַס. דאָס געלעכטער איז געבליבן הענגען אינדערלופטן און ווי אַן עכאָ, צעטראָגן זיך איבער דער האַלב־פאַרשלאָפענער גאַס. זיין שטרפּ־וועגעלע איז געשטאַנען לעבן אים – פאַראיינזאַמט. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט. אַ שוואַרץ בינטל ביינער איז געלעגן אין מיטן גאַס, און דאָס צעפּראַלטע מויל האָט שוין נישט אַרויסגעלאָזט קיין שום קלאַנג, אָבער דער עכאָ איז געבליבן הענגען און צעשטערט די רו. אַ ווייטע פּאָליציי־סירענע האָט פאַרפילט דעם אַרום. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. די גאַס, מיט אירע פּאַרטאָג־סודות, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעשיקן טאָג־טעגלעכן געיעג. מיינע בליקן זענען געבליבן הענגען אינדערלופטן, נאָר דאָס געלעכטער האָט געבורעט אין די אויערן... גוט מאָרגן דיר וועלט... אַ נייער טאָג...

דורך דער שפּאַרונע פון צוגעמאַכטן טויער האָבן מיר געזען די קניענדיקע גרופּע מענטשן, אָנגעקומענע אין דער נאַכט. געזען אַ גרויע מאַסע פון וויגנדיקע פאַרמוטשעטע געשטאַלטן, וואָס זענען "געזעסן" אויף די קני – ווער ווייסט ווי לאַנג! אַ דראָבנער רעגן האָט געקלאַפּט אין די ווענט פון די הילצערנע באַראַקן, אין וועלכע מיר האָבן זיך געפונען. די שעפּטשעריי פון אַרום איז געווען: אַ נייער טראַנספּאָרט געקומען...

מיט אַ מאָל, האָבן זיך צעפּראַלט די גרויסע טירן, און מיט אַ געליאַרעם און שמייסעריי פון לעדערנע שפּיצרוטן האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן אין דעם גרויען נאַסן פאַרטאָג. צווישן דער מאַסע וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַרג מיט גרויע שמאַטעס, איז געשטאַנען אַ געשטאַלט. דאָס פּנים אַסקעטיש דין, צוגעמאַכטע אויגן וואָס האָבן שוין,

דאַכט מיר, גאָרנישט געוואָלט מער זען. דאָס מויל צעעפֿנט אין אַ ווילד ספּאַזמאַטיש געלעכטער. אין דער שרעקלעכער שטילער שטילקייט האָט זיך דאָס געלעכטער געקייקלט און ווי אַן עכאָ אָפּגעקלונגען אין דער לאַגער־וויטקייט. מיר זענען געשטאַנען פֿאַרשטומטע אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ. דער דינער רעגן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין געדיכטע דיקע טראָפּנס. דאָס געלעכטער האָט נישט אויפֿגעהערט. די פֿיגור איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן, נאָר דאָס צעפּראַלטע מויל האָט געלעבט. פּאַוואָליע האָט ער אויפֿגעהויבן די הענט. לאַנגע, דאַרע הענט וואָס זענען געבליבן הענגען אין דער לופֿטן ווי אַ וואָרענונג־צייכן, אָדער אַ געבעט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן געלעכטער־קלאַנג, ווי דעם לעצטן אָטעם צוג. די לופּע פֿון דעם דייטשן רעוואָלווער האָט געצילט און געטראָפֿן. דאָס געשטאַלט איז אומגעפֿאַלן, דער עכאָ האָט צעטראָגן דעם געלעכטער. פֿאַרגליווערטע זענען מיר געשטאַנען און געוואַרט. איך האָב היינט ווידער געהערט דעם געלעכטער. עס האָט זיך דערקייקלט אַזש דאָ אַהער, הינטער מיין פֿענצטער, אין דעם פּרישן פֿרימאָרגן ווען די שטאָט האָט זיך געוועקט. נאָר קיינער האָט נישט פֿאַרשטומט דעם שטאָטישן שגעון־געלעכטער. ער איז אַליין פֿון זיך געבליבן הענגען אין דער לופֿט. "דאָרט" האָט די סאַלווע אים פֿאַרשטומט - אים, דעם אומבאַקאַנטן. האָט איר ביידע געלאַכט פֿון אונדזער זינדיקער וועלט? איז דאָס געלעכטער געווען דער ענטפֿער? אַזוי האָט דער טייוול מעפֿיסטאָפֿעל געלאַכט פֿון פֿאַוסטן - אַזוי האָבן געלאַכט די טויטע נשומות אין דאַנטעס גיהנום - און אַזוי בלייבט דאָס געלעכטער הענגען - דאָס געלעכטער פֿון מענטשלעכן שגעון...

...זי איז געשטאַנען ביי דער וואַנט. אגב, נישט געשטאַנען, נאָר האַלב זיך אונטערגעשפּאַרט. אויף איר בלאַסן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן דער אומעט פֿון דער וועלט. אויף איר קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ מאָדנעם הוט (וואָס האָט געזען בעסערע צייטן). פֿון אונטערן הוט האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרץ־גרויע האָר. די שטריכן פֿון איר פּנים זענען געווען ווי פֿון אַ פֿאַרוועלקטער בלום - צייכנס פֿון שיינקייט און מידקייט. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע. פּאַמעלעך האָב איך זיך צוגערוקט צו איר. נישט צו איר, צו דער וואַנט. איר האַנט האָט אויך געהאַלטן אַ בלייפֿעדער און שנעל, שנעל האָט זי פֿאַרשריבן עפּעס - אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט. יעדעס מאָל ווען זי האָט באַוועגט מיט דער בלייפֿעדער איז איר פּנים באַלויכטן געוואָרן מיט אַ מאָדנער מילדקייט. זענען דאָס געווען געדאַנקען וועגן איר פֿאַרגאַנגענהייט? דערמאָנונגען, בילדער ליכטיקע, זוניקע פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער וועלט? איך בין, דאַכט מיר, לאַנג געשטאַנען ביי דער וואַנט, פֿאַרזונקען אין געדאַנקען און נישט באַמערקט ווי זי איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם גאַסן־געווימל. אויף דעם טראָטואַר האָב איך געפֿונען דאָס נאָטיץ־ביכעלע. ליידיקע ווייסע בלעטער - פּוסט, אָן אַ וואָרט! אפֿשר אַזוי פּוסט, ווי איר לעבן איז איצט - און אפֿשר גאָר האָט זי פֿאַרשריבן אין דמיון אַלץ, וואָס זי האָט געפֿילט, געזען - פֿאַר קיינעם נישט וויכטיק - נאָר פֿאַר איר! פֿאַר דער אומעטיקער פֿרוי מיט דעם מאָדנעם הוט און נאָטיץ־ביכל.

טייל מאָל זע איך זיך אין אָט די גאַסן־בילדער, וואַנדערנדיק אין די לאַנגע מאַרשרוטן. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פֿאַרגעסענע פֿון אַרום! אויף יענער פּלאַנעטע, אין דעם ברוין־שוואַרצן יאָרהונדערט, זענען מיר אָפּט געיאָגט געוואָרן אויף אָפּגעשטאָרבענע גאַסן פֿון טויטע שטעט - אין טראַנטעס, האַלב־משוגע, מיט שמאַטעס אויף די פֿיס. געשאַרט זיך ביי די מויערן, ווי פֿאַרלוירענע נשמות. די לעדערנע

שפּיצרוטן האָבן איבערגעריסן די שטילקייט פון אַרום. איך זע זיך אין די פאַרלוירענע גאַסן־מענטשן, וועלכער דער גורל האָט אויף פאַרשידענע אופנים באַוואָלט. אונדז האָט די וועלט פאַרגעסן אין דעם פּאַראַדאָקסאַלן יאָרהונדערט. מיר זענען געווען שאָטנס, ווו מענטשלעכער ווילקיר איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. און דאָך, דאָך זענען מיר אַרויס פון דעם געוויטער! וועט אָט די איינזאַמע האַלב־משוגענע פרוי און הונדערטער, הונדערטער אַנדערע געראַטעוועט ווערן?

גאַסן פון שטעט – איר האַלט אַזעלכע גרויסע סודות אין זיך, סודות פון מענטשלעכן פּיין, פון מענטשלעכן וויזן!

רבקה – איך שרייב צו דיר די ווערטער, וויסנדיק, אַז דו קענסט מיך נישט הערן, זען און פילן. כ׳שרייב זיי פאַר זיך, כ׳וויל דיך היינט דערמאָנען ווייל באַלד וועט שוין נישט זיין קיינער, וואָס זאָל דיך און אַנדערע דערמאָנען. כ׳וויל דיך זען אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק! געדענקסט, מיר האָבן געהאַט אַזאַ שפּיל: אונטערשטעלן געשעענישן אָדער לעבנס־קאַפּיטלען פון אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אויף אונדזערע קליינע רייזע־עסקאַפּאַדעס, דעם ערשטן יאָר נאָך דער באַפרייונג. מיר פלעגן שפּעטער זיך הילכיק צעלאַכן, שפּינענדיק אויסטערלישע געשיכטעס. איך בין מיט דיר געווען באַפריינדט אַזוי פיל יאָרן. דער אָנהויב איז געווען פאַר דעם "מבול", אויף אונדזערע קינדער־און יוגנט־רעפּובליקן. דאָס לעצטע מאָל אין ווילנע, אין דעם פּרעכטיקן ווינקל פון סידעראַנצע, דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן. אַ צעזונגענע און ערנסטע יונגע הברה. מיר האָבן געשפּינט חלומות וועגן אַ בעסערער און שענערער וועלט, באַוואונדערט די אַרומיקע נאַטור. אין אָוונטן, ביי דעם שיין פון פייערן, פלעגן מיר זיך אַרומנעמען און זינגען לידער וועגן "מאָרגן רויט אַנטקעגן". יוגנט־מאַרשן, און דאַן פלעגסטו זיך אויפהייבן און מיט דיין וואַרעמער שטים אויסזינגען לייוויקס ליד "יינגעלע, יינגעלע, יינגעלע מיינס, קוק נישט צו מיר אין די אויגן אַריין", און דיין שטים פלעגט זיך צעטראָגן, אָפּהילכן און קייקלען זיך אין די אַרומיקע וועלדער – און דער טייך, די ווילִיע, פלעגט רויק פליסן און אָפּשפּיגלען אונדזערע פייערן – און שאַפן אַן אומפאַרגעסלעך בילד. מיר האָבן זיך דעמאָלט צוגעזאָגט, אַז אונדזער פריינדשאַפט וועט זיין אויף אייביק! און מיר האָבן זיך געטראָפן, נאָך יאָרן פון ליידן און פּיין. דו האָסט געקעמפט אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד... געדענקסט ווען מיר זענען זאַלבע דריי געזעסן אין אונדזער בוידעם־שטיבל אין בריסל, בעלגיע. ס׳איז געווען גלייך נאָך דיין קומען פון פוילן. האָסט צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן דערציילן – און ווייל דו ביסט געווען אַ געניטע מאָלערין, זענען דיינע באַשרייבונגען געווען שאַרף אין קאָליר, דימענסיאָנעל. ברענענדיקע געטאָ־הייזער, צעשיידונגען פון פריינד, דער אַליין־גענומענער טויט פון טאָפּטשען, די לעצטע קושן פון ליבסטע, און די גרייטקייט צום אומקום מיט כבוד. און דאַן, די קאַנאַלן. דיין גאַנג אין די גרויסע גרוי־ברוינע קאַנאַל־רערן. דאָס רינען און שורזשלען פון שמוציקן אָפּפלוס־וואַסער. די גרויסע גרוי ברוינע שטשורעס, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן ווי אָפּגעסמטע – און דער עכאָ פון טריט, וועלכער איז, אין דער קאַנאַל־מדינה פאַרדרייפאַכט געוואָרן. און צום סוף, דער אַרויסגאַנג אין מיטן העלן טאָג אויף דער אַרישער זייט! דאָס געלעכטער פון די אָנוועזנדיקע. און דאַן האָסטו איבערגעריסן דאָס דערציילן. און מיר זענען געזעסן אין שטילקייט, און געזען די פאַרגאַנגענע שאָטנס...

◄—

צבי אַײזנמאַן / קיבוץ אלונים

# אַ שטים האָט אים גערופן

אַ שטים האָט אים גערופן - איז ער געגאַנגען.

די בײמער, לענג־אויס דעם װעג, האָבן אים געװאָרנט:

- גײ ניט, װעסט נכשל װערן, װעסט ניט אָנקומען!

די דערנער, בײם שליאַך, האָבן אים מיט זײערע שטעכעדיקע אָרעמס געפּרוּװט פֿאַרהאַלטן:

- גײ ניט. װעסט געניזוקט װערן. קײנער איז ביז הײנט ניט דערגאַנגען!

דאָס װאַסער, װאָס האָט אים געזעטיקט דעם דורשט, האָט אים מיט זײער פּליסיקן געמורמל, געװאָלט אָפּרעדן:

- גײ ניט. דער װעג איז װײט, פֿאַרפּלאָנטערט און צעדרײט. פֿול מיט שטרויכלונגען און געפֿאַרן. זאָלסט זיך ניט נאַרן, אַז דװקא דו װעסט דערגרײכן, װוּ אַנדערע זענען געפֿאַלן און עס איז ניט געבליבן קײן זכר פֿון זײער געבײן!

דער קאָרן, פֿאַזע װעג, האָט אים מיט זײַן געלער צײַטיקײט, אַרײַנגעשאָרכעט אין די אויערן:

- גײ ניט. אַ שאָד די מי. װי נאָר דו װעסט זיך דערװײַטערן פֿון אַ מענטשלעכן יישוב, פֿון װעלדער, סעדער, גערטנער, פֿון קי און שעפּסן און אָנקומען צו די זאַלציק־װיסטע היזכענישן, צו דעם כאַאָס פֿון די משונהדיק געפֿורעמטע בערג און צעשטערן מיט דײַן רעשנדיקן געקלעטער זײער דורותדיקע רו, װעלן זײ דיך שטויסן און שלײַדערן פֿון אײן באַרג צום אַנדערן. זײ װעלן מיט דיר ניט רעדן. זײ װעלן דיך ניט הערן. זײ װעלן דיר סײַ װי דעם סוד, דאָס פֿאַרבאָרגענע אָרט, ניט אַנטפּלעקן. זײ װעלן מיט זײער געשטײן דיך שטופּן צום אָפּגרונט און דיך צװינגען צו שפּרינגען אין תהום! ◄

---

איך װיל צוזאַמענגעמען הײַנט מײַנע געדאַנקען. איבערטראָגן זיך אין צײַט און אָרט. אַװעק "דאָרט", װײַט, װײַט! אגב, בין איך קײן מאָל נישט אַװעק פֿון "דאָרט". דער "דאָרט" איז געבליבן אין מיר, טיף פֿאַרזונקען - און װי אַ שאָטן גײט ער מיר נאָך - נײן, ער גײט מיט מיר! מיר זענען פֿאַרבונדן אויף לעבן און טויט - דער שאָטן פֿון פֿאַרגאַנגענע טעג.

כ'שרײַב די װערטער צו דערמאָנען די פֿרילינג־טעג פֿון יאָר 1943. אַרויסרופֿן נאָך אַ מאָל די פֿאַרברענטע לײדיקײט, די צעפֿאַלענע מויערן, די קעלערן און די געשטאַלטן. הערן די שטימען, זען די אויגן פֿון די יונגע לײַבן, הערן די לעצטע װערטער פֿאַר דעם אומקום. כ'װיל זײ אַלע הײַנט צונױפֿנעמען, העלד און קרבן, און אַריבערשפּרינגען די צײַט. און אויף די פֿליגלען פֿון דערמאָנונג פֿאַרבינדן דעם נעכטן מיט דעם הײַנט און שאַפֿן אַ גאַנצקײט, אויב גאַנצקײט קען געשאַפֿן װערן.

מיט יאָרן צוריק, אין דער תקופֿה פֿון מענטשלעכן משוגעת, אין אײנעם פֿון די לאַגערן, זיצנדיק אויף דער האַרצער נאַרע, האָב איך אַ צוזאָג געגעבן מײַנע לאַגער־שװעסטער אין אַ מינוט פֿון שװערן טרויער - איך װעל דערצײלן! אויב איך װעל בלײַבן לעבן. באַמי איך זיך האַלטן װאָרט. יעדעס װאָרט װעגן יענער צײַט איז אַ ליכט פֿאַר אײַך, פֿאַר אײַך, די נישט דערלעבטע. איר אַלע געהערט צו דעם דור פֿון העלדן. אַפֿילו אָן געװער זײַט איר די מוטיקע גיגאַנטן געװען - פֿאַר אײַך די װערטער פֿאַר אײַך, מײַנע שאָטנס!



ביים כותל המערבי

ער האָט די ביימער, די דערנער, דעם וואַסערפּלוס און די צייטיקע זאַנגען ניט געפּאָלגט. די שטים צו לאָזן זיך אין וועג, האָט אים געקלונגען אין די אויערן. געקרעפּטיקט אין אים דעם גלויבן, דערהויבן זיין גייסט און אים געשטאַרקט - טראָץ אַלע וואָרענונגען.

פּלוצעם האָט זיך אויפן בלוי צעשטראַלטן הימל באַוויזן אַ שוואַרצער פּלעק. אַ באַוועגלעכער שאָטן פון אַ פויגל - אַ ריז. אַ פויגל - אַ גיגאַנט. יעדער אויג ביי אים - אַ שפּיז און די באַפעדערטע פיס - צוויי מעכטיקע זיילן. ער האָט מיט זיין גוף די זון פאַרשטעלט. איז ווי אויסגעלאָשן געוואָרן די וועלט. דער פויגל האָט צעפּאָכעט זיינע אימהדיקע פליגל איבערן גייערס קאָפּ און דערביי אַרויסגעלאָזט פון זיך אַזאַ מין הייזעריקן קוויטש, וואָס האָט געקאָנט אַ באַרג שפּאַלטן. דער גייער האָט זיך ניט דערשראָקן, ניט פאַרהאַלטן. האָט דער פויגל מיטן פאַרבויגענעם שנאָבל און מיט די אויסגעקרימטע נעגל זיך איינגעביסן אין דעם וואַנדערערס אויגן און אַזוי לאַנג דאָרט געפּיקט ביז פון די אויגן זענען געבליבן בלויז צוויי פאַרבלוטיקטע לעכער. ערשט דאַן האָט זיך דער פויגל אָפּגעריסן פון דער נידער און זיך אָפּגעטראָגן צו אַזעלכע ווייטן, ווו אַ מענטשנקינד קאָן ניט דערגרייכן.

ווען די אויגן זענען ביים מענטש אויסגערונען, האָט זיך זיין גאַנצער גוף גלייך אָנגעפּילט מיט אַ געדיכטער, קלעפּיקער פינצטערניש. די פינצטערניש איז אַרויסגעקראָכן דורך די אויגן-לעכער און דער גאַנצער אַרום איז פאַרשמירט געוואָרן מיט אַ ניט-דורכדרינגלעכער שוואַרצקייט. די שוואַרצקייט איז געווען אַזאַ, אַז ער איז געצוווּנגען געווען זיך צו פאַרהאַלטן, ווייל עס איז ניט מעגלעך געווען צו שטעלן אַ טראָט פאָרויס, אָדער אַ טראָט אויף צוריק. עס איז שוין בכלל ניט געווען מער קיין "פאָרויס" און קיין "צוריק". קיין צייטאומבייט פון טאָג און נאַכט. זיין וועלט איז פאַר איין מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין אומענדלעכן חושך.

פון ערגעץ גאָר ווייט איז איילנדיק אָנגעלאָפן די שטים. זי האָט אַרומגעקרייזט און געעכאָט איבער דעם בלינדנס קאָפּ:

- בן־אדם, פאַל ניט ביי זיך! צווייפל ניט! שטאַרק דיין געמיט! בייג זיך אַראָפּ, ביי דיינע פיס ליגט אַ שטעקן גראָב. אַ שטעקן פעסט. אַ שטעקן, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן - איז הייב אים אויף. איז נעם אים אין די הענט. ער וועט דיך אויף אַ מינוט ניט לאָזן אַליין. ער וועט דיר זיין אַ שותף, זיין אַ פריינד. ער וועט גיין פאָרויס און שפּרייזן נעבן דיר. ער וועט דיך היטן און וועט דיך פירן!

ווי נאָר דער מענטש האָט דעם שטעקן אין די הענט גענומען. ווי נאָר ער האָט באַוויזן אַריבערשטייגן פון איין הויכקייט צו אַ צווייטער,איז פאַר אים קאַפּויער געקומען אַ בערגל. אַ פאַרהאַרטעוועט זאַלצבערגל, וואָס נאָר בלינדע זענען מסוגל צו זען.

די זעלבע שטים, וואָס האָט פריער געדונערט פון די הייכן, האָט זיך אויף ס'ניי אָנגערופן. דאָס מאָל ניט איבער אים, נאָר אין אים. אין די טיפענישן פון זיין וועזן:

- קלאַפּ, קלאַפּ אָן מיטן שטעקן אינעם בערגל. פאַרזוים ניט! די שעה פון גנאָד איז געקומען!

האָט ער אָנגעקלאַפּט.

צו זיין געהער איז דערגאַנגען אַ שטייגן, אַ גרייפן, אַן אָפּקלאַנג פון עפּעס וואָס ס'איז נאָך ניט געווען צו באַגרייפן מיטן פשוטן שכל.

דער בלינדער איז צוגעפאַלן מיטן אויער צום בערגל. דאָס בערגל האָט זיך געטרייסלט, געהויבן. עפּעס האָט זיך דאָרט אונטן גערודערט. עס האָט זיך דערטראָגן אַ געברום, אַ רייבעניש, אַ שטופּעריי. צוויי קעגנזעצלעכע כוחות האָבן זיך צונויפגעשטויסן. ס'איז געווען אַ געראַנגל אויף טויט און אויף לעבן. צום סוף האָט דאָס בערגל ניט אויסגעהאַלטן און נאָכגעגעבן דעם דרוק. די זאַלצברילעס האָבן געפּלאַצט מיט אַזאַ אויפטרייסלענדיקן רעש, אַז די אַרומיקע בערג האָבן אויפגעציטערט, דער רעש איז באַגלייט געוואָרן מיט פייערפונקען, וואָס האָבן זיך צעשיט אין אַלע זייטן. די שטיינער זענען זיך צעפאַלן און צעקרישלט.

אומבאַמערקט איז די נאַכט אויסגערונען. אַ לייכט ווינטל איז געקומען צו פליען און מיטגעבראַכט די ערשטע זונשטראַלן. דאָס ווינטל און די זונשטראַלן זענען געווען די איינציקע עדות ווען פונעם בערגלס טיפעניש האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ פרוי. זי האָט פּאַמעלעך אויסגעגלייכט איר רוקן און פאַרהויבן דעם קאָפּ צום אָנוואַקסנדיקן טאָגליכט. דאָס ווינטל האָט צעשויבערט אירע האָר. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי באַטאַפּט דאָס פּנים און אַריינגעטעמט אין זיך אַזוי פיל לופט, וויפל עס האָט זיך געלאָזט. עס איז אַוועק אַ סך צייט ביז זי האָט געלאָזט הערן איר קול. די ווערטער האָבן זיך אַ קייקל געטאָן איבער די אַנטבלויזטע קעפּ פון די בערג. איבער די איינגעהויקערטע פּלייצעס פון די בערגלעך. איבער די אויסגעטראָטענע וועגלעך פון קעמלען און שלאַנגען. זיי זענען געווען קלאָר און דורכזיכטיק, ווי קלאָר און דורכזיכטיק עס איז געווען איר ערשטע טרער, נאָכן אויפשטייגן פונעם שטיינערנעם געפענגעניש:

– זיי געבענטשט, דו מענטש. זיי געערט, דו גייער. עס האָט דיך מיין צער און מיין עלנט אַהערגעבראַכט. האָסט די שאַנד פון מיר אַראָפּגענומען, צונישט געמאַכט די שטראָף און מיר צוריק-געגעבן די ניט-אויסגעלעבטע יאָרן.

– צו פיל, צו פיל צייט האָסטו געלאָזט אויף זיך וואַרטן. די ביימער, וואָס זענען דאָ אַ מאָל געוואַקסן, זענען במשך פון דורות אָפּגעדאַרט געוואָרן. די גראָזן – אויסגעשטאָרבן און די פייגל – זיך צעפלויגן. שטויבן האָבן אַלץ פאַרדעקט. שטויבן און זאַלץ האָבן אַלץ באַוועלטיקט. בלויז ווינטן פאַשען זיך דאָ איבערן זאַלציקן מדבר.

גאָטס צאָרן האָט זיך דאָ אויסגעגאָסן און באַפּעלקערט דאָס אָרט מיט בערג, אָנשטאָט מענטשן. זיין קללה הויערט ביז היינט און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך וועט עס דויערן. פון דיינע בלינדע אויגן שיינט די שכינה און זי וועט אונדז באַלייכטן דעם וועג. שטרעק מיר דיין אָרעם און לאָמיר פּאַמעלעך איבער די בערגלעך אַ שפּריז טאָן.

נאָך איידער זיי האָבן אַ טראָט געשטעלט, האָט זיך די פרוי ווידער אָנגערופן:

– באַווייז מיר דעם שטעקן!

האָט דער בלינדער דעם שטעקן פון זיין האַנט אין איר האַנט איבערגעגעבן. האָט זי דעם שטעקן אין דעם צעעפנטן בערגל אַריינגעשטעלט און ביידע זענען שטיל און געלאָזן אַוועק. באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. סטעשקע איין, סטעשקע אויס.

דער שטעקן איז געבליבן שטעקן פאַרשעמט און פאַריתומט אין דער אויסהוילונג פונעם בערגל זאַלץ. ער איז געווען באַטריבט און פאַרצאָגט און מיט שטומען צער נאָכבאַגלייט דעם בלינדן מאַן מיט דער פרוי, וואָס אירע אויגן זענען נאָר וואָס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונעם זאַלצגליווער. זיי האָבן זיך דערווייטערט, באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ. סטעשקע איין, סטעשקע אויס, געוואָרן קליין און קלענער, ביז זיי זענען אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

משה וואָלף

# וועגן דעם הימען "התקוה" ("האָפענונג") און זיין מחבר

"די טיר איז אַלץ נאָך אָפן
און אָפן איז מיין האָפן"
"האָפענונג איז די מוטער פון נאַראָנים"?
זאָל זיין!
נאָר כ׳קאָן ניט לעבן אָן איר".
(משה שקליאַר. "האָפענונג",
"ליד און לעבן". 1988, ז׳ 115)

א.

האָפענונג - אַן איינגעבוירן, אינטים געפיל, וואָס גיט דעם מענטשן כוח און גלויבן, אַז אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען, אַפילו ווען עס דראָט אים דער אומפאַרמיידלעכער טויט - וועט ער ניצול ווערן. די דאָזיקע האָפענונג איז אייגנטימלעך יעדן מענטשן און באַזונדערס - מענטשן, וועלכע האָבן געירשנט פון זייערע עלטערן (און ניט זעלטן - פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען) אַן אונטערבאַוווסטזיניקן גלויבן, אַז אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען קאָן דאָס "אוממעגלעכע מעגלעך ווערן".

ווי ס׳איז באַוווסט; געהערן מיר יידן צו אָט דער קאַטעגאָריע מענטשן, און דאָס דריקט זיך אויס אין אונדזערע תפילות, לידער און אַפילו אין אונדזער טאָג־טעגלען געברויך. ניט אין קיין איין אַנדערער שפּראַך טרעפט זיך דאָס וואָרט "האָפענונג" אַזוי אָפט ווי אין דער יידישער. עס איז אַריין אין פאַרשיידענע מעטאַפאָרן און אידיאָמען, למשל: "אַפילו אַז דער מענטש זעט די גרוב איז שוין אָפן, טוט ער נאָך האָפן"; "כל־זמן דער מענטש האָלט נאָך די אויגן אָפן דאַרף ער נאָך האָפן"; "ווי לאַנג עס רירט זיך אַן אָדער דאַרף מען די האָפענונג ניט פאַרלירן", "עס ווילט זיך ניט גלייבן, אָבער מען מוז די האָפענונג לייגן". איינער פון דעם רמבמ׳ס גלויבן־יסודות איז "אַף על פּי שיתמהמה אחכה לו" ("כאָטש ער פאַרשפּעטיקט, דאָך וועל איך וואַרטן אויף אים").

האָפענונג איז געוועזן און פאַרבלייבט עד היום דער "יאָדער" פון דער יידישער פּאָעזיע, און באַזונדערס פון די פייערלעכע (צערעמאָניאַלע) - געזאַנגען - הימנען*) פון יידישן פאָלק. ביז היינט איז ניט באַוווסט, וואָס איז געווען דער ערשטער יידישער הימען (הימנע). עס איז אָבער יאָ באַוווסט אַז די ערשטע פייערלעכע געזאַנגען (הימנען) געפינען מיר אין תנך - "אז ישיר משה" ("דענסטמאָל טוט זינגען משה און די קינדער פון ישראל דאָס דאָזיקע געזאַנג" שמות, טו, א) ווען די אומבאַהעלפלעכע יידן זענען לעבעדיקע אַרויס פון געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן - פון פרעהס רייטער־אַרמיי, פון איין זייט און פונעם ים־סוף - פון דער צווייטער. ווי ס׳איז באַוווסט איז דאָס דאָזיקע געזאַנג אַריין אין די סידורים און רעליגיעזע יידן זינגען עס יעדן טאָג, שטייענדיק. ווי עס געהערטביים זינגען יעדן הימען. אין טויזנטער יאָרן שפּעטער, ווען די היטלערישע האָרדעס האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען פונעם יידישן פאָלק. ווען דער אומפאַרמיידלעכער טויט האָט געדראָט די איבערגעבליבענע יידן פון אייראָפּע און די וועלט האָט געשוויגן, אין יענער בלוטיקער צייט האָבן די פאַראורטיילטע צו אומקום געזונגען התקוה און אויך הירש גליקס ליד, וואָס איז אויף אייביק פאַרבליבן ווי דער פאַרטיזאַנען־הימען:

---

*) "הימען" (hymnos גריכיש) איז אַ פייערונג (צערעמאָניאַל) - געזאַנג. פאַראַן פאַרשיידענע הימנען: מיליטערישע- פּאַטריאָטישע, ליבע־און מלוכה־הימנען. די לעצטע זענען איינע פון די דריי מלוכה־אַטריבוטן (הערב, פאָן און הימען). זיי זינגט מען ביי דער עפענונג פון יעדער פייערונג.

„זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלאָע טעג,
קומען וועט דאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זיינען דאָ!".

ב.

„כל עוד בלבב פנימה
נפש יהודי הומיה"
(ווי לאַנג אין האַרצן
ברומט די יידישע נשמה)
(נפתלי אימבער, „ברקאי",
ירושלים, 1966, „תקותנו")

אַ ריי ליטעראַטור־פֿאָרשערס און היסטאָריקערס האַלטן, אַז אויב מען וויל האָבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דער נשמה פֿון דער אָדער יענער נאַציע, דאַרף מען זיך איינהערן אין איר מלוכה־הימען און דערלערנען זיינע ווערטער. ניט שטענדיק איז דאָס ריכטיק, ווייל, ווי עס ווייזן די געשעענישן פֿון אונדזער לעצטן יאָרהונדערט, בייטן זיך אָפֿט די הימנען צוזאַמען מיט די מעטאַמאָרפֿאָזן פֿון די גורלדיקע געשעענישן פֿון דער מלוכה. אַזוי צום ביישפּיל, במשך פֿון די ערשטע 50 יאָר פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט זיך דער רוסישער הימען געביטן 4 מאָל.

פֿאַר די לעצטע 50 יאָר זענען באַשאַפֿן געוואָרן אַ ריי הימנען פֿון פֿעלקער, וואָס זענען געווען קאָלאָניעס פֿון גרויסמאַכטן און האָבן באַקומען גלייכרעכט, און צוזאַמען מיט די הימנען פֿון די פֿריערדיקע אימפּעריעס, ווערן געזונגען זייערע אייגענע מלוכה־הימנען. דער הימען פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון ישראל דויערט שוין מער פֿון 125 יאָר און ווייזט ניט אַרויס קיין סימנים אויף ענדערונגען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פֿאַר דער פֿאַרלאָפֿענער צייט זענען פֿאָרגעקומען גורלדיקע ענדערונגען אין דער היסטאָריע און אין לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק.

דער יידישער הימען טיילט זיך אויס ניט נאָר מיט אַריכת ימים, נאָר אויך מיט זיין אינהאַלט. אין פֿאַרשיידענע אייראָפּעישע (און אַראַבישע) מלוכה־הימנען הערשן אַגרעסיווע מיליטערישע מאָטיוון, לויב־פֿערזן צום זיגרייכן געווער, רופֿן צו קאַמף, העראָיזם און צו נקמה. אין די יידישע הימנען, אַפֿילו אין די פּאַרטייאישע (למשל, אין שומר־הצעיר'ס — „תחזקנה ידי כל אחינו המכוננים"; אין הימען פֿון חלוצים — „אנו עולים ושרים על חרבות ופגרים"; אין דעם „מזרחי־פּאַרטייאישן — „בשוב השם את שיבת ציון היינו כחולמים"). להפך, אין זיי איז ניטאָ קיין איין מיליטעריש וואָרט, קיין סימן פֿון נאָסטאַלגיע צו די צייטן פֿון די באַוווּסטע העראָישע קיניגן, קיין רופֿן צו ווידער־אויפֿלעבן דעם העראָיזם פֿון די מכבייער און אַפֿילו אַ דערמאָנונג פֿון „אתה בחרתנו".. אין דעם יידישן הימען דריקן זיך אויס אַלע טרוימען און האָפֿענונגען אין דעם הויפּט־געדאַנק: „להיות עם חפשי בארצנו" — „זיין אַ פֿריי פֿאָלק אין אונדזער לאַנד". דאָס איז אַלץ — דאָס איז דער עיקר.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס, וואָס דער היינטצייטיקער יידישער מלוכה־הימען איז באַשאַפֿן געוואָרן אין 1876 יאָר — אַ סך צענדליקער יאָרן פֿאַר דעם ווידער־אויפֿקום (פֿאַר דער דערקלערונג) פֿון ארץ ישראל ווי אַ יידישע מדינה.

אין מזרח־גאַליציע, (וואָס האָט אין יענער צייט געהערט צו עסטרייך), ניט ווייט פֿון לעמבערג, אין תחום־המושב, אין קליינעם יידיש־חסידישן שטעטל, זלאָטשעוו; ווו די

יידן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער הויפּט־באַפעלקערונג, און וווהין די שטראַלן פון דער השכלה פלעגן מיט גרויסע שטערונגען זיך דורכרייסן דורך די שוואַרצע וואָלקנס פון דעם מיטלעלטער. - דווקא דאָרטן איז אין 1856 געבוירן געוואָרן און ביז אַ געוויסער צייט האָט דאָרט געלעבט און געשאַפן דער מחבר פון דעם יידישן הימען "התקוה".

גערופן האָט מען אים נפתלי הערץ אימבער. (1856–1909) - אַ גלענצנדיקע באָהעמישע, פייערווערקישע פּערזענלעכקייט מיט אַן אויסגעשפּראָכענער ליידנשאַפטלעכער נטיה צו וואַנדערן. נאָר עטלעכע יאָרן האָט ער זיך געלערנט אין אַ חדר. ניט געוווינט געוואָרן צו סיסטעמאַטישן לערנען, אָדער צו אַרבעטן; זיך אויסגעטיילט פון אַלע זיינע מיטצייטלערס מיט זיין מעכטיקן זיכרון און אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן צו שפּראַך־קענטעניש און וויסנשאַפטן, פון יונגערהייט - אַ בעל חלומות, אַ גאַליקער סקעפּטיק, שטענדיק אַ ניט צופרידענער מיט זיך און מיט זיינע שאַפונגען, האָט ער ליב באַקומען דעם ביטערן טראַפּן, און אָפט ניט קיין ניכטערער פלעגט ער זיך באַווייזן פאַרן עולם און פאָרלייענען זיינע לידער.

שרייבן לידער האָט ער אָנגעהויבן צו 10 יאָר, ווען ער האָט זיך נאָך געלערנט אין חדר. געשריבן האָט ער זיי אין העברעיש און אין אונגאַריש, (אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך אין ענגליש). זיינע ערשטע לידער האָט דער יונגער פּאָעט געווידמעט דעם "גליקלעכן לעבן" פון די יידן אונטער דער עסטרייכעשער הערשונג; זיין ערשטע פּאָעמע, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט מיט יאָרן שפּעטער (1875) האָט ער געווידמעט דעם הונדערט־יאָריקן יובל פון דער פאַראייניקונג פון בוקאָווינע (צו וועלכער עס האָט געהערט אויך לעמבערג) מיט דער עסטרייכישער אימפּעריע, דעם עסטרייכישן אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָזעף האָט די פּאָעמע פאַרצויבערט. פון התפעלות האָט ער באַלוינט דעם יונגן פּאָעט מיט אַ באַזונדערן פּריז. נפתלי־הערץ אימבער איז געוואָרן אָנערקענט אין די ליטעראַרישע קרייזן. אָבער די אָרטיקע חסידים האָבן אים דערקלערט פאַר אַן אפיקורס און אָנגעהויבן אים פאַרפאָלגן. דעריבער איז זלאָטשעוו געוואָרן צו ענג פאַר אים. ער אַנטלויפט קיין בראָדי, ווו אונטער דער השפּעה פון א. קראָכמאַל און י.ח. שאָר ווערט ער אַ הייסער אָנהענגער פון דער השכלה. זיין נע־ונדיקע נאַטור טרייבט אים ווייטער אין דער וועלט אַריין. ביז 26 יאָר האָט ער געוואַנדערט איבער אונגאַרן, סערביע און רומעניע. אומעטום האָט ער געשריבן לידער, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט זיין וועלט־באַנעם, זיין ליבע צום יידישן פאָלק און זיין שטרעבן קיין ישראל, צו דער אוראַלטער הויפּשטאָט ירושלים.

איין מאָל, בעת זיין וואַנדערן איבער די באַלקאַנישע לענדער, האָט ער זיך באַקענט מיט דעם ענגלישן לאָרד לאָורענס אָליפאַנט. אַ באַצויבערטער פון אימבערן, האָט אָליפאַנט אים איינגערעדט פאָרן מיט אים קיין פּאַלעסטינע - "שאַפן דאָרט אַ יידישע מלוכה" - און פאַרגעלייגט, אַז ער, אימבער זאָל ווערן זיין סעקרעטאַר - אַן עצה־געבער פאַר יידישע פּראָבלעמען. און נפתלי־הערץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין קיין פּאַלעסטינע. אין 1882 זענען זיי געקומען צום לאַנד.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז אימבער זיינע סעקרעטאַר־פליכטן ניט מסוגל געווען אויספילן. אַזאַ ניט אָרגאַניזירטער, ניט דיסציפּלינירטער, ניט צוגעווינטער צו טאָג־טעגלעכער אַרבעט פאַרשוין ווי אימבער, האָט זיך אַליין געגייטיקט אין אַ סעקרעטאַר. ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער נע־ונדיק רעגולער באַקומען זיין שכירות, וואָס האָט

אים געגעבן די מעגלעכקייט אַרומפֿאָרן איבערן לאַנד - אַ סך מאָל באַזוכן חיפה, ירושלים, נצרת און צפת; עולה־רגל זיין אויפֿן באַרג הכרמל און זיך אַראָפּלאָזן אין די טאָלן פֿון יזרעאל..

דאָס לאַנד האָט אים געצויבערט און באַגייסטערט. די בעסטע לידער האָט ער פֿאַרפֿאַסט דאָרטן, אין פּאַלעסטינע. ער האָט זיי איינגעשלאָסן אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען "ברקאי" - דער פֿרימאָרגן־שטערן"), וועלכער לויט זיין מיינונג, האָט באַדאַרפֿט סימבאָליזירן, אַז פּאַלעסטינע איז פֿאַרבליבן פֿאַר אַלע יידן פֿון דער וועלט "דער שטערן פֿון פֿרייהייט און צוקונפֿטיקן גליק" אין דעם דאָזיקן לידער־בוך האָט דער פּאָעט איינגעשלאָסן אויך אַ ריי פֿריערדיקע לידער, אָנגעשריבענע אין רומעניע. צווישן זיי - "משמר הירדן" די היטער פֿונעם ירדן") און "תקותינו" - "אונדזער האָפֿענונג", (פֿאַרפֿאַסט אין 1876), וועלכע איז לויט דער מיינונג פֿון אייניקע פֿאָרשערס געווען געווידמעט דעם אויפֿקום פֿון דעם ערשטן ישראלדיקן מושב פּתח־תקוה; לויט אַנדערע - איז דאָס דאָזיקע ליד אונטער דעם היינטיקן נאָמען "התקוה" ("די האָפֿענונג") פֿאַרבונדן מיט דער דערעפֿענונג פֿון דעם ערשטלינג פֿון דער ישראלדיקער אינדוסטירע - דער וויין־פֿאַבריק ראשון לציון.

די באַגייסטערטע אויפֿרופֿן צו די גלות־יידן זיך אומצוקערן קיין פּאַלעסטינע און ווידער אויפֿשטעלן אַן אייגן לאַנד; דער אויפֿריכטיקער פּאָעטישער טאָן פֿון זיינע לידער, די צוגענגלעכקייט און די פּשטות פֿון זייערע פֿאָרמען, וואָס האָט זיי דערנענטערט צו פֿאָלקלאָר־לידער; דאָס אַלץ האָט געבראַכט דעם מחבר אַן אויסערגעוויינלעכע אָנערקענונג און פּאָפּולאַריטעט פֿון זיינע פּאָעטישע שאַפֿונגען.

זעקס יאָר האָט נפֿתלי־הערץ אימבער געלעבט אין פּאַלעסטינע. דערנאָך, ווען זיין פֿילאַנטראָפּ, דער לאָרד אָליפֿאַנט איז געשטאָרבן, איז ער פֿאַרבליבן אָן געלט־שטיצע. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווידער וואַנדערן איבער דער וועלט. אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט אין ענגלאַנד. אין 1888 קומט ער קיין לאָנדאָן, ווו ער באַקענט זיך מיט י. זאַנגווילן - לערנט אים עברית און לערנט זיך ביי אים ענגליש.

אין 1892 קלייבט זיך אימבער אַריבער קיין אַמעריקע. וואַנדערט פֿון איין שטאָט צו דער צווייטער און זוכט דאָרט גליקן. אָבער קיין שטענדיקע אַרבעט האָט ער ניט געפֿונען. די חיונה האָט ער געצויגן פֿון פֿאַרשיידענע צייטווייליקע אַרבעטן - פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַרשיידענע אַרטיקלען וועגן תלמוד, קבלה, וועלכע ער האָט געשריבן אויף ענגליש; זעצט איבער פֿון ענגליש אויף העברעיש אָמאַר כאַיאַמס "רובאַיאַט" אונטערן נאָמען "הכוס" ("דער בעכער").

אין 1900 דערשיינט אימבערס צווייט לידערבוך "ברקאי החדש" ("דער נייער פֿרימאָרגן־שטערן"). אין 2 יאָר שפּעטער דערשיינט זיין דריט לידערבוך "ברקאי השלישי" ("דער דריטער מאָרגנשטערן"). וועלכן ער האָט אַליין איבערגעזעצט און אַרויסגעלאָזט אויף ענגליש (1902).

מיט גרויסער אָנשטרענגונג האָט ער נאָכגעשפּירט די געשעענישן אין אייראָפּע; גרויס וויטיק האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן די אַנטיסעמיטישע געשעענישן - די יידן פּאָגראָמען אין קעשענעוו, האָמעל און מעליטאָפּאָל. מיט פֿרייד און מיט שטאָלץ האָט ער אויפֿגענומען די ידיעה וועגן דעם אַטענטאַט אויף דעם הויפּט־רוצח פֿון דעם קעשענעווער פּאָגראָם. באַזונדערס, האָט ער זיך געפֿרייט מיט דעם, וואָס דער וועלכער האָט אויסגעפֿירט דעם אַטענטאַט איז געווען אַ ייד: וועגן דעם האָט ער געשריבן -

"לסוף האָבן מיר זיך אויסגעלערנט ענטפערן אויף רדיפות ווי נאָרמאַלע און שטאָלצע קינדער פון אַ נאָרמאַלן פאָלק".

צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן דעם וואַנדערנדיקן דיכטערס ליידנשאַפטלעכע קאָמפּולסיווע ציונג צום יין־שרף, וועלכער האָט אים אָפּגעסמט פּסיכיש און פיזיש. אין 1909, אין עלטער פון ניט פולע 43 יאָר, איבערלאָזנדיק זיינע לידער און צווישן זיי די התקוה, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. (אין 1959 איז זיין געביין אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ישראל און באַערדיקט געוואָרן אין ירושלים).

וואָס ס'איז שייך דער מעלאָדיע פון דער התקוה, האָבן זיך אַ סך יאָרן געפירט דיסקוסיעס (זיי ציען זיך ביז היינט) וועגן דעם, ווער איז געווען איר מחבר. די ערשטע יאָרן האָט מען געהאַלטן, אַז אימבער גופא, אויסנוצנדיק די מוזיק פון לידער, וועלכע ס'האָבן געזונגען די רומענישע פּאַסטעכער, האָט באַשאַפן די מעלאָדיע צו זיין ליד. אַ סך מוזיק־פאָרשערס אין ישראל זענען איבערצייגט, אַז די מוזיק צו דעם הימען האָט שטופנווייז באַשאַפן דאָס יידישע פאָלק. אַ ריי מוזיק־פאָרשערס האַלטן, אַז, צונויפשטעלנדיק די מעלאָדיע פון דעם מלוכה־הימען, האָט מען אויסגענוצט די מוזיק פון דער סימפאָנישער פּאָעמע "וולטאַוואַ", וואָס עס האָט באַשאַפן דער טשעכישער קאָמפּאָזיטאָר סמעטאַנאַ, ווי אַ באַווייז שטרייכן זיי אונטער, אַז אייניקע מוזיקאַלישע פראַזעס פון דער סימפאָניע פאַלן זיך צונויף מיט דער מעלאָדיע פון התקוה. און נאָר לאַנגיאָריקע אונטערזוכונגען פון אַ ריי אויטאָריטעטע היסטאָריקער האָבן דערלויבט "דערגראָבן זיך צו דעם אמת". ווען אין ירושלים איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע זאַמלונג פון נפתלי־הערצס לידער האָט זיך גיך איבערן לאַנד פאַרשפּרייט דאָס ליד תקותינו ("אונדזער האָפענונג"). מיט דעם ליד האָט זיך באַקענט איינער פון די ערשטע איינוווינער פון ראשון לציון - אַ ניט קוואַליפיצירטער, נאָר אַ ביז גאָר טאַלאַנטירטער מוזיקער, מיט דעם פאַמיליע־נאָמען קאָגאַן. דאָס האָט ער אָנגעשריבן די נאָטן פון דער מעלאָדיע צו דעם ליד. עס איז געוואָרן נאָך מער פּאָפּולער, און איידער עס איז געוואָרן דער מלוכה־הימען האָט מען עס געזונגען אין אַלע מושבות פון ארץ־ישראל. דאָס ליד האָט באַקומען פליגלען, און אין גיכן, (1885) האָבן יידן עס שוין געזונגען אין דער דיאַספּאָרע בכל מקומות שהם. גרויס אָנערקענונג האָט די תקוה באַקומען אין פּוילן, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, רומעניע, אונגאַרן, אין פראַנקרייך און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

דרך אגב, מיט דעם זינגען התקוה אין אַמעריקע, נאָך ביים לעבן פון דעם מחבר, איז פאָרגעקומען אַ קוריאָזער צופאַל: בעת אַ קאָנפערענץ פון די אָרטיקע ציוניסטן, האָט זיך באַוויזן אין זאַל דער נישט ניכטערער נפתלי־הערץ אימבער, ער האָט זיך געפירט ניט געהעריק. מען האָט אים אַרויסגעפירט פון זאַל. ער איז געשטאַנען הינטער דער טיר און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס איז דאָרט ווייטער פאָרגעקומען. ווען די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט זענען די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן זינגען התקוה. אַן אויפגערודערטער, מיט איראָניע, האָט אימבער זיך אַרויסגערעדט: "מיך האָט מען אַרויסגעטריבן, אָבער פון מיין ליד וועלן זיי קיין מאָל ניט פּטור ווערן" און... כך היה:

די התקוה האָבן געזונגען די יידישע פּאַרטיזאַנער, יונגע חלוצים פון דער הגנה, די יידישע קעמפער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט די פאַשיסטישע רוצחים אין וואַרשעווער געטאָ. ס'זענען פאַרבליבן גבית־עדות, וועלכע באַשטעטיקן, אַז די התקוה האָבן געזונגען די יידן פון מינסקער געטאָ איידער זייער צעשיסונג.

## משה שקליאַר

# רויטע פלעקן

די רויטע פלעקן אויפן ברוק
וואָס ווערן גיך פאַרוואַשן
און פאַרשווינדן
ווי דער עכאָט פון די ווייַ־געשרייען
בלייבן אינעם האַרץ
אין די מוח־קעמערלעך
און קאַרבן אין זיך דאָרט
ווי שניט פון שאַרפע מעסערס
די ווונדן
אייטערן אָן אויפהער
פאַרציען מיט אַ הייטל זיך
און פלאַצן ווידער
ביי יעדן נייעם שפּריץ
פון רויטן בלוט
אויף אָנגעגליטן ברוק
וואָס באַלד וועט ער זיך
געבן אַ צעעפן
און פאַרשלינגען אונדז
צוזאַמען מיט די פלעקן

* * *

און קיינער וועט נישט בלייבן
צו דערציילן
צו דערמאָנען
אַז מיר האָבן דאָ געלעבט
געזייט געשניטן
זיך געמערט
ווי זאַמד ביים ים־ברעג
געגרייכט צו די פלאַנעטן

←

---

דעם 14 מאַי 1948, נאָך דעם, ווען בן־גוריון האָט געענדיקט לייענען די דערקלערונג פון דעם ווידעראויפקום פון ארץ־ישראל ווי אַ סווערענע יידישע מלוכה. האָבן די פאַרזאַמלטע ספּאָנטאַן זיך אויפגעשטעלט און מיט גרויס ענטוזיאַזם געזונגען די התקוה. פון דעמלט אָן איז זי געוואָרן דער אָפיציעלער מלוכה־הימען פון דעם לאַנד.

די התקוה - דער האָפענונג־הימען - איז אַקטועל אויך אין אונדזערע טעג. די געפאַר פאַר דעם קיום פון אונדזער מאַמע־לשון. פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק און, באַזונדערס, פון דער יידישער מלוכה, איז אויך היינט געוואוג גרויס. נאָר ווי פריער, ווי אין אַלע געפערלעכע אומשטאַנדן לעבט אין יידישן האַרץ די האָפענונג - עוד לא אבדה תקותנו.

און אין תהום געפאַלן
אין טיפן תהום
און ס'האָט די גוטע ערד
אונדז צוגענומען
נאָך דעם
האָבן אונדז געזוכט
די בלייכע שטראַלן
פון רויטן פלעק אין הימל
און קיינעם נישט געפונען

* * *

אַ מאָן־בלימל
אַ רויטער פלעק
האָט אויפגעבליט
אויף אויסגעברענטער ערד
ס'האָט קיינער נישט
פאַרזייט עס
קיינער נישט
באַוואָסערט
און דאָס בלימעלע
ווערט גרעסער אַלץ
און גרעסער
צינדט אָן דעם האָריזאָנט
וואָס בייגט זיך אָן
צום מאָן־בלימל
און נעמט אויף אַ קלאַנג
אַ מאָן־געזאַנג
ער הערט זיך איין
דער האָריזאָנט
און ווערט רויטער אַלץ
פון בלימלס אָפּשיין
נאָר פּלוצעם האָט אַ ווינט
דעם קלאַנג אַוועקגעטראָגן
פאַרטריבן
און אויף דער אויסגעברענטער ערד
איז בלויז אַ רויטער פלעק
געבליבן

## משה (בן שלמה) וואָלף

# "הבימה" - פון רוסלאַנד ביז ישראל

די אידעע אויפצושטעלן אַ יידישן טעאַטער איז אויפגעקומען אין מיטן פונעם XIX־טן יאָרהונדערט. אירע וואָרצלען ציִען זיך צוריק צו דער השכלה־באַוועגונג. גראָד דעמאָלט איז אין די יידישע קהילות פון אייראָפּע אויפגעקומען די פּראָבלעם וועגן דער צווישנפאַרהאַלטונג פון דער יידישער שטייגער־קולטור, פון איין זייט, און פון דער רעליגיעזער העברעישער קולטור - פון דער צווייטער.

אין יענער צייט האָט זיך פאַרוועבט אַ טרוים אויפצולעבן דעם לשון־קודש און מאָדערניזירן אים אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל ווערן צוגענגלעך פאַר די יידישע מאַסן, ווי די שפּראַך פון יידישער קולטור, ליטעראַטור און יידישן טעאַטער. אין דעם דאָזיקן טרוים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס לאַנג־דורותדיקע שטרעבן צו באַשאַפן אַן אייגענע מלוכהשאַפט און קונסט, איבערגעפולטע מיט נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין.

אין אַפּריל־מאַי 1917 האָבן דער מוזיק־לערער נ. צמח, צוזאַמען מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־פאָרשער מיכאַיל גנעסין[1] און מיט דער באַרימטער שוישפּילערן (די צוקונפטדיקע פּרימאַדאָנע) חנה ראָווינאַ[2], פאַרכאַפּטע מיט דער אידעע אויפצושטעלן אַ העברעישן טעאַטער, אַנגאַזשירט פאַר אים אַרטיסטן און האָבן אים אָנגערופן "הבימה"[3] פאַר די אַרטיסטן האָבן זיך אָנגעהויבן חבלי לידה - שילעריי־ליידן. פאַר דער ניי־געבוירענער טרופּע זענען אויפגעשטאַנען אַ ריי פּראָבלעמען: צוזאַמענשטעלן אַן אָריגינעלן רעפּערטואַר אין דער העברעישער שפּראַך (ווייל אַזאַ איז ניט געווען בנמצא); זיך לערנען די אַרטיסטישע מייסטערשאַפט (דער מערסטער טייל פון די אָנגענומענע שוישפּילער זענען ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן און האָבן בכלל ניט געהאַט קיין טעאַטראַלע דערפאַרונג); און אַבסאָרבירן צמחס הויפּט־אידעע - "זיי הייליק, רייניק אָפּ דיין האַרץ (וטהר לבנו לעבדך באמת) פאַר דער "הבימה", וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אין ירושלים".

דעם אויפקום פון דער "הבימה" האָבן אונטערגעהאַלטן דער וועלט־באַוווסטער רוסישער רעזשיסאָר און טעאַטער־פאָרשער, קאָנסטאַנטין סערגייעוויטש סטאַניסלאַווסקי, די לעגענדאַרע אַרטיסטן און רעזשיסאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט: יעווגעני וואַכטאַנגאָוו און מיכאַיל טשעכאָוו. צוזאַמען מיט זיי האָבן געהאָלפן אויפצושטעלן דעם טעאַטער די וועלט־באַוווסטע קינסטלער מאַרק שאַגאַל, נתן אַלטמאַן און ראָבערט פאַלק. צווישן די באַגייסטערטע פאַרערער פון דער "הבימה" זענען געווען מאַקסים גאָריק, פיאָדאָר שאַליאַפּין, גאָרדאָן קרעג, מאַקס ריינהאַרדט, אַלבערט איינשטיין, מאַרטין בובער א"א.

דער אַרמענער און רוסישער אַרטיסט יעווגעני וואַכטאַנגאָוו, וועלכער האָט שוין אַ

---

[1] מיכאַיל גנעסין מיט זיינע שוועסטערס יעלענאַ און מאַריאַ האָבן אין 1944 אין מאָסקווע געגרינדעט דעם מוזיקאַלן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וועלכער טראָגט ער־היום זייער פאַמיליע־נאָמען.

[2] דעם יידישן פּאָעטס חיים שוואַרצס ע"ה אַ שוועסטערקינד.

[3] די כראָניק פון דעם "רוסישן" פּעריאָד, דאָס לעבן פון די אַרטיסן אין יענעם צייט־אָפּשניט, און אַ טיפער אַנאַליז פון די ערשטע ספּעקטאַקלען זענען פּרטימדיק באַשריבן אין בוך פון וולאַדיסלאַוו איוואַנאָוו "רוסישע סעזאָנען פון טעאַטער "הבימה" 1999, ז'317.

לאַנגע צייט זיך פאַרנומען מיט דערלערנען תנך, באַזונדערס - די ווערק פון די נביאים, איז געווען דער געבענטשטער מענטש, וועלכער האָט אַוועקגעלייגט דעם ערשטן עסטעטישן ווינקלשטיין אין דעם הייליקן "בנין פון דער "הבימה". זיינע פאָדערונגען, וועלכע די אַרטיסטן האָבן אויפגענומען מיט גרויס פאַרערונג און אָן שום וואַקלונגען, (נעשה ונשמע) זענען געווען: - "דעם היכל, אין וועלכן דו וועסט דינען גאָט, דאַרפסטו אויפבויען אַליין מיט דיין נשמה און מיט דיין ווילן; די בינע איז דער מזבח פאַר וועלכן דו מוזט יעדן טאָג שניצן די געהעריקע ביימער, דו דאַרפסט אָפגעבן אַ דין וחשבון די צושויער, וועלכע וועלן קוקן ווי דו קלעטערסט אויף די הייליקע רישטעוואַניעס פונעם טעאַטער צו די הויכן פון עכטער קונסט".

פאַר די ערשטע טעאַטער-איבונגען האָט וואַכטאַנגאָוו באַזונדער, פאַר יעדן איינעם פון די צוקונפטיקע אַקטיאָרן, אויסגעפונען ספעציעלע ראָלן פון פאַרשיידענע, פאַרפאַסטע אין יידיש, שטייגער-פיעסן, שלום אַש'ס "די עלטערע שוועסטער"; י.ל. פרץ'ס "די שריפה", יצחק קאַצענעלסאָנס "זון! זון!" און י. בערקאָוויטשעס "די אָנשיקעניש".

ניין חדשים עבודת-פרך - פאַנאַטישע אָנשטרענגונגען, האָבן באַוויזן וווּנדער און דערמעגלעכט, אַז דער עקזאַמען פון "די סטודיע-לימודים", וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 12-טן אָקטאָבער 1918, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין "דעם יום-טובדיקן אָנהויב". פון דעם "הבימה"-קיום. צו דער גענעראַלער רעפעטיציע איז געקומען די גאַנצע עליטע פון דער "טעאַטראַלער מאָסקווע": סטאַניסלאַווסקי, נעמיראָוויטש-דאַנטשענקאָ, לעאָנידאָוו, מאָסקווין א"א. די דאָזיקער פאַרשטעלונג האָבן די אָנגעזעענסטע טעאַטער-קינסטלער באַצייכנט ווי "אַן אַליידישן נאַציאָנאַלן ווידעראויפלעב.

אָבער, באַלד נאָך דעם, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר דער "הבימה" פילצאָליקע מאַטערנישן, פאַרבונדענע מיט דער דערקלערונג, אַז דער טעאַטער וועט ווייטער אָנגיין מיט אַ רעפערטואַר אין די ראַמען פון דער העברעישער שפראַך און קולטור. פאַראַדאָקסאַל און טראַגי-קאָמיש האָט אויסגעזען דער פאַקט, וואָס נישט די ניט-יידישע אָרגאַנען, נאָר גראָד די קאָמוניסטישע "יעווסעקציע" (צוזאַמען מיט דעם "צענטראָטעאַטער"), און דערנאָך אויך די אָנפירער פון דעם ערשטן "אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון יידישע בילדונג - און קולטור-טוערס" האָבן אין אַ גרימצאָרנדיקער רעזאָלוציע פאַראורטיילט די "הבימה" ווי אַ "ביבלישן" טעאַטער, וואָס פראָפאַגאַנדירט דעם לשון-קודש און די העברעישע קולטור, כדי "אָפרייסן די יידישע אַרבעטער-מאַסן פון די וואָרצלען פון דער קאָמוניסטישער - און פאָלקס-קולטור".

און דאָך האָט די "הבימה" געמאַכט אַ וויכטיקן טראָט פאָרויס - פון שטייגערישן טעאַטער צום טראַגישן טעאַטער-שפיל. דעם 31 יאַנואַר, 1920 איז פאַר דער מאָסקווער טעאַטראַלער און ליטעראַרישער וועלט דערשינען אין דער "הבימה" איר ערשטע גרויסע פרעמיערע - "דער אייביקער ייד" פון דוד פינסקי, אונטער דער אָנפירונג פון מ. מטשעדעלאָוו (וואַכטאַנגאָווס אַ תלמיד). די קריטיק האָט זיך זייער וואַרעם אָפגערופן אויף די ספעקטאַקלען פון דער דאָזיקער דראַמע. צווישן אַנדערע לויב-ווערטער און באַשרייבונגען, האָבן די צייטונגען און די ראַדיאָ אוידיציעס אונטערגעשטראָכן:

"דער זאַל איז געווען איבערגעפולט. אַ סך פון די מאָסקווער יידן זענען געזעסן אויף די טרעפ, וואָס האָבן געפירט צו דער גאַליאָרקע"... "ס'רוב פון זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די העברעישע שפראַך, אין וועלכער ס'האָבן גערעדט די אַקטיאָרן. די לעצטע האָבן מיט זייערע באַוועגונגען און מימיק אַזוי אויסדריקלעך געשפילט, אַז דער

תוך פון זייערע רעפּליקעס איז פּולקאָם דערגאַנגען צו די צושויער״ (...) ...״זיי זענען געזעסן, צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, און ... האָבן געוויינט״.

אַן עכטע אַנטדעקונג, ווי אַ דערשיינונג פון דער רוסישער, יידישער און אַלוועלטלעכער קולטור, איז געווען די פּרעמיערע ״דער דיבוק״, לויט דער פּיעסע פון ש. אַנ־סקי (ש. ראַפּאָפּאָרט), וועלכע די ״הבימה״ האָט פאָרגעשטעלט אין מאָסקווע דעם 23־טן יאַנואַר 1922. די צושויער, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די פּרעמיערע, זענען ממש געפּלעפט געוואָרן פון די אויסער ווי געוויינלעכע בילדער, וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט אויף דער בינע. די ״הבימה״ איז אַנערקענט געוואָרן ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע טעאַטערס פון יענער צייט. די קריטיקער האָבן אונטערגעשטראָכן די פאַנטאַסטישע עקספּרעסיע - די קראַפט, דעם ריטעם און פּלאַסטישקייט פון די בילדער, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן. ״די טענץ פון די ״בעטלערס״ האָט מען פאַרגליכט מיט די גראָטעסקן פון דעם גאונישן מאָלער גאָיאַ און מיט די אַנטישע וואַקכינאַליעס. ״דער דיבוק״ איז אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ רעזשי־שעדעווער. אים איז באַשערט געווען צו האָבן אַריכת־ימים. מען האָט אים געשפּילט ביז די 70־ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָהרונדערט.

אַ נייער טראָט פאָרויס צו די עסטעטישע הויכן פון דער טעאַטער־קונסט איז געווען ה. לייוויקס ״דער גולם״, וועלכן די ״הבימה״ האָט געשטעלט אין 1925. דער דאָזיקער ספּעקטאַקל, ווי אויך ״דער דיבוק״ זענען אַריין אין דעם זאַמלבוך פון די בעסטע יידישע פּיעסן, אַרויסגעגעבן אין 1966 (און ווידער אַמאָל - אין 1972 און 1989). ״דער גולם״ האָט אויך געהאַט אַ לאַנג לעבן אין די רעפּערטואַרן פון דער ״הבימה״.

ביידע ספּעקטאַקלען ״דער דיבוק״ און ״דער גולם״ - האָבן געעפנט פאַרן יידישן טעאַטער דעם וועג צו די הויכן פון אַלוועלטלעכן טעאַטער. אין 1925 לאַדט איין דעם טעאַטער ״הבימה״ אויף גאַסטראָלן, אין דעם בערלינער ״לעסינג־טעאַטער״, דער באַרימטער רעזשיסאָר מאַקס ריינהאַרדט. ספּעציעל פאַר די דאָזיקע גאַסטראָלן הויבט אָן די ״הבימה״ צו רעפּעטירן, אונטער דער רעזשי פון ק. סטאַניסלאַווסקי, בער־האָפמאַנס פּיעסע ״יעקבֿ׳ס חלום״, וועלכע איז אין סוף 1925, אַ פּאָר טעג פאַר דעם אָפּפאָרן קיין בערלין, באַוויזן געוואָרן פאַר די מאָסקווער צושויער. מבינים האָבן דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל צוגעגליכט צו טאַיראָווס אויפפירונג פון ״פעדראַ״, נחום צמח האָט באַטאָנט, אַז ״יעקבֿ׳ס חלום״ איז דער וויכטיקסטער - דער פּראָגראַם־ספּעקטאַקל - אינעם רעפּערטואַר, וועלכן די ״הבימה־טרופּע״ וועט אויספירן אין בערלין.

אין סוף דעצעמבער, 1925, האָט די ״הבימה״ אין מאָסקווע אויפגעפירט איר לעצטן ספּעקטאַקל - ׳דער מבול״ פון י. בערגער.

בינו לבינו האָט די קאָמוניסטישע ״יעווסעקציע״ פאַרשטאַרקט אירע אַנגרייפנדיקע פאַרפאָלגונגען און מסירות קעגן דער ״הבימה׳ און דער טעאַטער האָט אין אַ געוויסער מאָס אָנגעהויבן טיילן זיין גורל מיט דעם היסטאָרישן גורל פון דעם יידישן פאָלק: נישט געקוקט אויף דער פּאָזיטיווער קריטיק, האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרמינערט די צאָל פון די יידישע צושויער, וועלכע האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם לשון קודש, אין וועלכן די אַרטיסטן האָבן אויסגעפירט די ספּעקטאַקלען; עס האָבן זיך אָנגעהויבן חלוקי דעות און רייסענישן צווישן די אַרטיסטן - אַ טייל פון זיי האָבן געפאָדערט, אַז ס׳איז געקומען די צייט פאַר אַריבערפירן דעם רעפּערטואַר אויף מאַמע־לשון. אַנדערע זענען געווען ניט

צופרידן מיט דער צעטיילונג פון די ראָלן. זיי האָבן ניט פאַרגינען דעם דערפאָלג פון חנה ראָווינען, און האָבן געפאָדערט צו העכערן זייער אַרבעט-לוין. אויך די באַוווּסטע פּאָליטישע אומשטענדן אין לאַנד האָבן געווירקט מינאָריש אויף דעם געמיט פון די אַרטיסטן. דעם טעאַטער האָט אויסגעפעלט אַ קרעפטיקער כאַריזמאַטישער אָנפירער, אַזעלכער, ווי עס איז געווען שלמה מיכאָעלס - דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם "גאָסעט" ("יידישער מלוכה-טעאַטער"), וועלכער האָט עקזיסטירט אין מאָסקווע במשך פון 25 יאָר און האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין דער הסיטאָריע פון דער יידישער און אַלוועלטלעכער קולטור (אין 1922 איז אַוועק אין דער אייביקייט וואַכטאַנגאָוו און די "הבימה" האָט געמוזט אַרבעטן אונטער דער רעזשי פון דעם נפטרס פאַרשיידענע תלמידים).

אין יאַנואַר 1926, ניט געקוקט אויף די אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן, האָט די "הבימה" אָנגענומען ריינהאַרדס איינלאַדונג און זיך אַוועקגעלאָזט גאַסטראָלירן קיין בערלין, מיט די בעסטע ווינטשן האָבן זיי באַגלייט פאַרשיידענע רעפּאָרטערן, זשורנאַליסטן און אַ ריי רוסישע פריינדלעכע באַרימטע אַרטיסטן, בראש מיט ק. סטאַניסלאַווסקין. ביי דער פייערלעכער געזעגענונג האָט דער לעצטער אַדרעסירט די אָפּפאָרנדיקע אַרטיסטן זיינע ווינטשן. ער האָט געזאָגט: "מיר איז אויסגעקומען נעמען אַ קליינעם אָנטייל אין דעם אויפקום פון דער "הבימה" און אין דער היסטאָריע פונעם יידישן טעאַטער. איך בין זייער צופרידן, ווייל מיט דעם האָב איך אויסגעפילט איינע פון די וויכטיקסטע מיסיעס פון אַן אַרטיסט".

אין בערלין האָט די "הבימה" גאַסטראָלירט מיט גרויס דערפאָלג. דער טעאַטער האָט פאָרגעשטעלט פאַר די בערלינער צושויער אַלע ספּעקטאַקלען פון זיין רעפּערטואַר.

נאָך דעם, ווען די "הבימה" האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע (סוף דעצעמבער 1926) האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר איר נייע שטרויכלונגען און נגישות, פאַרבונדענע מיט דעם, וואָס אייניקע אַרטיסטן האָבן זיך ניט אומגעקערט פון בערלין. די מאַכט-אָרגאַנען האָבן געפאָדערט, אַז דער טעאַטער זאָל באַשטימען זיין אָנגעהעריקייט: צו דער רוסישער, אָדער צו אַן אַנדער אויסלענדישער קולטור-אינסטיטוציע. אַזוי אַרום, זענען די גאַסטראָלן פון דער "הבימה" אין בערלין, וועלכע זענען לכתחילה אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ גרויסער טריומף, פאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אָנהייב פון צעפאַלונג, ווייטערדיקן וואַנדערן און קאָמפּראָמיסן. אַ טייל פון דער "הבימה-טרופּע האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין אַמעריקע, ווו זי האָט געמוזט שפּילן אין מאַמע-לשון.

סוף-כל-סוף, אין מערץ 1928, האָט דער טעאַטער "הבימה" זיך דערקליבן צו דעם "הייליקן לאַנד", קיין פּאַלעסטינע, ווו אין אָקטאָבער, 1928 האָט ער מיט דער הילף פון דער חלוצים-באַוועגונג אָפּגעמערקט זיין צען-יאָריקן יובל. ווייטער, אָבער, לעבט איבער די "הבימה" אַן אַנטוישונג: אין פּאַלעסטינע האָט דער טעאַטער ניט געפונען דעם געהעריקן קולטורעלן פּלאַסט פון דער באַפעלקערונג, פאַר וועלכן דער קיום פון אַ נאַציאָנאַלן טעאַטער איז געווען אַקטועל און נייטיק. אין דער רוסישער מאָסקווע איז די "הבימה" געווען "צופיל יידיש", און אין פּאַלעסטינע "צופיל רוסיש" (באמת - "הגלגל חוזר" - מ. וו.). פון דעסטוועגן, ניט געקוקט אויף די וואָגלענישן, אויף די שעפערישע און פערזענלעכע דורכפאַלן. האָט די "הבימה" פאָרגעזעצט איר רומפולע היסטאָריע. אין 1928 קומט פון רוסלאַנד קיין פּאַלעסטינע דער באַרימטער אַרטיסט אַלעקסעי דיקי, וועלכער רעזשיסירט אין דער "הבימה" שלום-עליכמס "דער אוצר", קאַלדראָנס ←

## עמא טעלעראַנט

# אין וואַלד

*צום אָנדענק פון מיין חבר,*
*דעם ווילנער פּאַרטיזאַן*
*אהרן אַראָנאָוויטש*

ערגעץ ווייט אינצווישן וועלדער,
ערגעץ ווייט ביים ראַנד פון פעלד,
האָט אַ קויל אין דיר געטראָפן,
האָט די קויל דיך ניט געפעלט.

אין אַ קבר אָן אַ נאָמען,
ערעץ ווייט אין וואַלד
ביזט געבליבן טויט פאַרוווּנדעט,
איינזאַם, עלנט, קאַלט.

איינזאַם, עלנט און פאַרגעסן,
שטיל און רויק ליגסט אין זאַמד,
נאָר דער ווינט דיך שטיל באַדויערט
און די ערד אין שויס דיך האַלט.

(געשריבן אין 1945)

---

פּיעסע "כתר דוד" ("דודס קרוין"), אין דער באַאַרבעטונג פון יצחק לאַמדאַן, און דערנאָך - "אוריאל אַקאָסטאַ" (אין דער שטעלונג פון י. גראַנאָווסקין). די איבערגערעכנטע ספּעקטאַקלען, ווי אויך די פריערדיקע ווערן אָנערקענט און ברענגען דעם טעאַטער פאַרדינטן רום. אין 1930 באַקומט די "הבימה" איר אייגענעם בנין אין תל־אביב. אין פאַרשיידענע סעזאָנען טרעטן אַרויס אויף איר בינע אַ סך וועלט־באַרימטע אַרטיסטן: לעאָפּאָלד לינבערג, סאַנדראַ מאַלקוויסט, טאַיראָן גאַטרי אַנדזשעי ווײַדאַ, יוסף רייכענהאַוז, יורי ליובימאָוו א"א.

אין 1950 ווערט די "הבימה" נאָמינירט ווי אַ מלוכה־טעאַטער און באַקומט אַ יאָר־יערלעכע סובסידיע פון דער ישראל־רעגירונג. (דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר אַ באַזונדערן עסיי).

אין רוסלאַנד, אָבער, פון וואַנען די "הבימה" איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן, האָט מען דעם דאָזיקן טעאַטער לחלוטין פאַרגעסן, ווי לא היה ולא נברא מעולם. אין קיין שום אויפקלערערישע אויסגאַבע, (ווי למשל "די טעאַטער ענציקלאָפּעדיע", מאָסקווע: אַלמאַ־פּרעס, 2002) ווערט ניט דערמאָנט ניט די "הבימה", ניט צמח, ניט ראָווינאַ, ווי אויך נישט - ש. מיכאָעלס, אַ. גראַנאָווסקי, אַ. עפראָס און אַ סך אַנדערע.

דער דאָזיקע פאַקט כאַראַקטעריזירט די היינטצייטיקע רוסישע "דעמאָקראַטן" און די "אויפגעקלערטע" טעאַטראַלע טוער. און דאָס איז אויך אַ באַזונדערע (טרויעריקע) טעמע, וועלכע וואָלט באַדאַרפט דייסקוטירט ווערן אין אַ ספּעציעלער אויספאָרשונג.

פיניע פלאָטקין

# און ס'חלומט זיך מיר

און ס'חלומט זיך מיר, אַז צופוס אין איין ריכטונג איך גיי,
אַז כ'זע נישט די סטעזשקע, כדי אויף צוריק זיך פאַרקערן.
און ס'חלומט זיך מיר, אַז שפּעטער וועט זיין פונקט אַזוי,
אויב מיר וועלן איידעלער, ערלעכער, קליגער ניטש ווערן.

און ס'חלומט זיך מיר - אַ טרוקענער שניי און אַ פראָסט -
דאָס קומט, ווי אַ רייטער אַ מידער אין פעלד, דער ווינטער.
איך ווייס נישט פון וואַנעט האָט ער זיך גענומען, פאַרוואָס
אין דער שיינער און גאָלדענער געגנט אַן ערטל געפינט ער.

אָפט מאָל שווער, נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, בייט זיך די צייט:
שטעלט זיך אָפּ, פאַרטיפט אין מחשבות, פאַרטראַכט זיך.
און ס'חלומט זיך מיר, אַז זי קומט, גייט אַוועק נישט געאיילט,
אַז דאָס, וואָס פאַסירט אויף דער וועלט, קיינעם אַרט נישט.

אויגוסט, 2002

# ערגעץ

ערגעץ וואַרפט מען זיך מיט רייפע פרות,
ערגעץ אומגעדולדיק וואַרט מען אויף אַן אורח,
ערגעץ שפּריצט אַ רעגנדל אַ האַרבסטיקער -
זאָל ער שפּריצן - ווייסמען אַרט עס איצט.
ערגעץ טורעמס פלאַצן, ערגעץ שטאַרבט מען,
ערגעץ אויף אַ דויערהאַפטן שלום מענטשן וואַרטן,
ערגעץ גייען שלאַכטן, ערגעץ פייפן קוילן -
וויפל קאָן מען וואַרטן, רבונו של עולם!

אויגוסט, 2002

# ווינטער... ווינטער...

אין דער פרי ווערט אַ ביסעלע לינדער -
ווייס דער שניי, פריש די לופט.
איך זע ווי עס קייקלען זיך קינדער
באַרג אַראָפּ, באַרג אַרוף.
זיי וועלן אויף גליטשלקעס נייע
אויך אויסזען גרויסאַרטיק, שיין,
דערפאַר איז דער ווינטער מיר טייער,
אַוועלכער פאַרשטייט וואָס איך מיין.
ער טענהט, אַז איך בין באַוואָרנט
מיט אַלץ וואָס מע זעט, וואָס מע הערט,
אַז איך וועל נישט ווערן פאַרפרוירן
אין גאַס, ווי אַ מענטש, אומבאַמערקט.

סעפּטעמבער, 2002

מ. אייזענבוד / מעלבורן

## בעמוד אש (דערציילונג)

די גראָדע ליניע פון מאַמע לעווס לעבן האָט זיך איבערגעבראָכן אין יענעם גורלהאַפטן האַרבסט פון ניין און דרייסיקסטן יאָר.

ער האָט זיך דאַן געפונען אין סאַמע פּינטעלע, אין האַרץ פון ווירלווינט. וואָס האָט זיך ערשט גענומען פונאַנדערוויקלען מיטן אָנוואַקסנדיקן אימפּעט פון אַ וויגע, וואָס האָט אַראָפּגעריסן הייזער; פאַרוויסט פעלדער; אונטערגעבראָכן איינגעפונדעוועטע, הונדערט יאָריקע דעמבעס.

מאַמע לעוו האָט כמעט ניט געפילט דעם צי, מיט וועלכן דער ווירלווינט האָט אים אָפּגעריסן פון היימישן באָדן.

ער האָט זיך געלאָזט טראָגן פון ווינטיקן אימפּעט, וואָס האָט צונויפגעיאָגט מחנות יונגע מענטשן, ווי ער יאָגט געוויינטלעך צונויף האַרבסטיק־פאַרגעלטע בלעטער און זיי פאַרטראָגן העט, העט ווייט איבער גרענעצן פון פרעמדע, אומבאַקאַנטע און גלייכגילטיקע, פּראַסטיקע מקומות.

דעם ווירלווינט האָבן ניט געאַרט די גרענעצן וואָס מענטשן האָבן צונויפגעשטעלט צווישן לענדער – ווייל פריער שוין האָט ער דאָס אַליין די גרענעצן אָפּגעווישט.

דער פּחד פאַרן אייזיקן גלאַצער וואָס האָט זיך געדרוקט אויף זייערע שטעט און היימען, האָט געטריבן די מענטשן כוואַליע. דאָס זענען געווען יידן.

די יידן האָבן זיך באַמט אַריינצובאַקומען אויף אַ שטח, אויף וועלכן זיי וועלן זיין באַשיצט פון דער וועלט־זאַוויערוכע, וועלכע האָט זיך קודם פאַרנומען אויף זייער לייב און לעבן.

אין יענע טעג האָבן די יידן אויסגעזען ווי צעשראָקענע חיות, וואָס לויפן אין פּאַניק פון ברענענדיקע וועלדער. זיי האָב געזוכט אַ הייל זיך צו באַהאַלטן. אַ וואַסער זיך אונטערצוטונקען. אַ שוץ אָרט – איבערצולעבן די בראַנד.

אָבער דאָס זענען ניט געווען קיין פלאַמען פון ברענענדיקע וועלדער. די וועלדער זענען געשטאַנען אין דערוואַרטונג פון ווינטער. דער האַבסט האָט ערשט אַרויפגעצויגן אַ קופּער־רויטן קאָליר אויף די בלעטער. דאָס זענען געווען בראַנדן פון מענטשלעכער רשעות און בלוט־דאָרשטיקייט, וואָס האָט געיאָגט די יידן.

די פּליטים האָבן זיך גיכעטר געפילט ווי פרידלעכע באַשעפענישן, וועמענס וויין־שטח און גרינע פּאַשע זענען פּלוצליג באַפאַלן צעיושעטע יעגער און גענומען הפקרדיק שיסן פון אַלע זייטן. די חיות זענען זיך צעלאָפן אָן אַן אָרדענונג און אָן אַ ציל. געטראָגן פון לעבנס־אינסטינקט, האָבן זיי געזוכט אַ רויק אָרט, ווו די קוילן פון יעגער זאָלן זיי ניט דערגרייכן. אין זייער זכרון האָבן זיך פאַרקריצט סימנים לויט וועלכע זיי וועלן זיך צוריקקערן שפּעטער – ווען די סכנה וועט פאַרביי.

אין זייער פּאַניק־געלויף האָבן זיי מיטגענומען די בענקשאַפט צו דער גרינער אַרומרינגלונג. דעם שטילן וואַלד און די משפּחדיקע צונויפלעבונג. זיי האָבן ווייטער געוואָלט אָנגיין מיטן לעבן אין די היימישע ערטער – אַ לעבן וואָס איז מיט מאָל צעשטערט געוואָרן.

ווי אַזוי האָט דער זיבעצן יאָריקער מאַמע לעוו דאָס אַלץ געקאָנט באַנעמען?

נאָך דעם, ווי ער איז דורכן שטורעם פאַרטראָגן געוואָרן צו אַן אָרט, ווו דעם

שטורעמס כוח האָט זיך אויסגעלאָזט - דאַן האָט זיך מאַמע לעוו געכאַפּט, אַז אים און זיין היים, זיין משפּחה טיילט פונאַנדער ניט סתם אַ האַלבע וועלט מיט פאַרצוימונגען, נייע גרענעצן, וועלכע זענען אין צווישן צייט אויפגעשטעלט געוואָרן. מאַמע לעוו האָט באַנומען, אַז פוןביידע זייטן גרענעץ געפינען זיך באַוואָפנטע כוחות, וועלכע האַלטן אין איין שליפן די שווערדן, כדי זיך קעגנזייטיק צו צעפליישן.

ווי אַזוי האָט דער זיבעצן יאָריקער מאַמע לעוו דאָס אַלץ געקאָנט פאַרויסזען?

ווען ער איז שטיין געבליבן אויף דער קאַלטער סיבירער ערד מיט ביידע פיס, אין אַ שטאַט פאַרוואָרפן צווישן טייגעס - האָט ער דערשפּירט דאָס, וואָס יעדעס בעל־חי דערשפּירט: אַ ווילן צום לעבן.

זיינע זיבעצן יאָר האָבן זיך געקלאַמערט אין לעבן ווי אַ בלינד, נאָר וואָס געבוירן חיהלע רייסט זיך צו דער מוטערס אייטער. כאָטש די מאָגערע אייטער האָט ניט געהאַט גענוג נאָפּלען פאַר די אַלע קריכנדיקע, נאַסע און בלינדע באַשעפעניש,וואָס זענען נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן פון איר אינגעווייד. צו זיינע זיבעצן יאָר האָט ער זיך שוין געהאַט איינגעשאַפּט א סכום בילדונג, אַ ביסל לעבנס־דערפאַרונג פון אַ יונגן מענטשן וואָס האָט שוין באַלד באַהערשט אַ פאַך. מיט אָט די מכשירים האָט ער זיך באַמיט איינצוקלאַמערן אין לעבן, מיטן ווילן איבערצולעבן. געוואַרעמט דעם ווילן האָט דער פונק פון בענקשאַפט נאָכן מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך געזעגנט אין טויער.

דאָס כאַאָטישע לעבן אין רוסלאַנד, אַרומגעכאַפּט מיטן מלחמה־פיבער, איז געווען ווי אַ שיף אויפן צעשטורעמטן אָקעאַן. עס האָט זיך געראַנגלט מיט די שוימיקע כוואַליעס, וועלכע האָבן די שיף געשלעפּט צום אָפּגרונט. געבויט אָבער לויט די כללים פון שיף־בוי, האָט די שיף ניט געוואָלט זינקען כל זמן זי איז ניט באַשעדיקט. זי האָט זיך דעריבער געשליידערט אַרויף און אַראָפּ איבער די וואַסערדיקע בערג און אָפּגרונטן.

מאַמע לעוו איז געווען אַ פּאַסאַזשיר אויף אָט דער שיף... עס האָט איר געשליידערט פון וואַנט צו וואַנט. ניט איין מאָל האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן די אייזערנע שטאַנגען און פאַרוווּנדעט געוואָרן. ניט איין מאָל האָבן אים קאַלטע, זאַלציקע כוואַליעס אָפּגעגאָסן און ער האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן.

זיינע זיבעצן יאָר האָבן ניט געוואָלט אויפגעבן דאָס לעבן, זיי האָבן ניט געצווייפלט, אַז מען קאָן איבערלעבן: צוריקקומען אַהין, צו דער שטילער גאַס, דעם טויער ביי וועלכן ער האָט איר געזאָגט אַ זיי געזונט...

צום סוף האָט דאָס לאַנד באַזיגט דעם שונא און מאַמע לעוו האָט געוווּנען זיין געראַנגל. דער שטורעם האָט זיך סוף כל סוף איינגעשטילט און די שיף איז אַרויסגעשווומען אויף שטילע וואַסערן. דאַן איז שוין ניט געווען מער דער זיבעצן יאָריקער בחור מאַמע לעוו, נאָר אַ פאַרהאַרטעוועטער דריי און צוואַנציק יאָריקער מאַן, וואָס האָט אין די עטלעכע יאָר דורכגעמאַכט די האַרבע שול פון לעבן: געגראָבן קוילן אין דער שאַכטע "קרופּסקאַיאַ" אין קיזעל; געאַרבעט ביי דער אייזנבאַן אין ניזשני טאַגיל; געשלעפּט קלעצער אויפן "ספּלאַוו" פון דעם טייך קאַמאַ, וואָס אין אוראַל; מאַרשירט מיט אַ ראָטע זעלנער צום פראָנט, און ניט דערגאַנגען, מחמת זיין מערבדיקן אָפּשטאַם; געמוזט קויפן אַ לינקן "שמו" - איז פון מאַמע לעוו געוואָרן איסאַק קאַצעוויטש, דער פּוילישער בירגער פון דוכגאַנגס־פּונקט וואָרקוטאַ, לויטן פאַראַגראַף...

דאָס ענדערן דעם נאָמען איז ניט געווען קיין קאַפּריז אויף וועלכן מאַמע לעוו האָט זיך אָנגעטראָפן אין זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג, ווי אַ ווילן איבערצורייסן מיט דער

פאַרגאַנגענהייט. מאַמע לעוו האָט קיין מאָל ניט אונטערגעשאַצט די משפחה־ווערטן, מיט וועלכע ער האָט אַבסאָלוט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען. אָבער נאָך דער מעשה קראַנסאָדאַר און דעם "סטרוי־באַט" - די מאָביליזירטע אַרבעטס־באַטאַליאָנען - פון וועלכע אַ לייטישער מענטש האָט זיך באַמיט צו וויכן, אויב ס'לעבן האָט נאָך געהאַט ביי אים אַ ווערט, איז שוין דער נאָמען מאַמע לעוו ניט געשטאַנען אין גרויסן יחוס ביי דעם "קאָמיטעט פאַר אינערלעכער זיכערקייט", וועלכער איז נאָך אלעמען, געווען דער באַלעבאָס פון לאַנד.

דאָס טוישן דעם נאָמען לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס מאַמע לעוו האָט געוואָלט אַרויסקריגן זיך פון דער פּאַסטקע, וואָס האָט אים אַריינגעכאַפּט...

נאָך די דערפאַרונגען, איז איסאַק קאַצאָוויטש געוואָרן אַ לייטישער בירגער, באַשעפטיקט ביים בויען דעם "פּאַראָכאָד סטרוי", ווי אַ דעלעגירטער אַרבעטער פון "עלעקטראָ טראָסט".

אַ מענטש האָט אין יענע טעג געדאַרפט האָבן אַ סטאַבילן ווױן־אָרט, אַן אַדרעס; געהערן צום "פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן"; אַ געוויסן דאָקומענט וואָס זאָל באַרעכטיקן זיין צוריקקערן זיך קיין פּוילן. און פּוילן איז פאַר מאַמע לעוו געווען דאָס מיידל, וועמענס אַנבליק האָט זיך פאַרקריצט אין זיין זכרון.

די מיטגעמאַכטע יאָרן וואָלטן אויסגעפילט צענדליקער שורות אין אַן אויטאָביאָגראַפיע - ווען מאַמע לעוו וואָלט בדעה געהאַט אַזאַ צו שרייבן. געוויס; געשריבן אויטאָביאָגראַפיעס יעדעס מאָל ווען ער האָט געזוכט אַן אַרבעטס־פּלאַץ אין רוסלאַנד. דעריבער דאַרף מען פאַרשטיין, האָט שוין מאַמע לעוו געהאַט אַ געהעריקע דערפאַרונג, בעיקר אין דעם - וואָס מען דאַרף געדענקען צום אַרויסלאָזן...

עס איז אויסגעקומען. אַז אין מאַמע לעוווס לעבן - צו באַצייכענען עס אין טעכנישע טערמינען - איז תמיד געווען אַ פּירנדיקע אַקס. ביי דעם אַלעם, אָבער איז זיין לעבן ניט געוואָרן אַנטוויקלט לויט שטרענגע טעכנאָלאָגישע אויסרעכענונגען.

אין יענעם נאָך מלחמהדיקן יאָר, ווען די עשעלאָנען האָבן צוריקגעפירט די יידישע פּליטים מיט זייער האָב און גוטס, און מיט זייערע האָפענונגען וואָס זענען געווען דער פּראָדוקט פון זייער בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזענער היים - איז פון צוג אַראָפּגעשפּרונגען אַ דאַרער, הויכער בחור אין אַן אויסגעוואַקסן רעקל, אין אַ ביסל צו ענגע הויזן, מיט אַ שניפּס וואָס האָט געהאַט אין זיך שוין צו פיל קנייטשן, פון די אַלע קנופּן וואָס מען האָט אין אים במשך פון יאָרן אָנרחמנותדיק אויסגעבונדן. אָבער פּאַרט - אַ שטיקל אַנבליק פון עלעגאַנץ האָט ער נאָך באַוויזן אויפצוהאַלטן. זיינע שיך זענען געווען שטויביק גרוי, כאָטש דער בחור האָט זיך באַמיט זיי אָפּצופּוצן, נאָר מחמת אַלטקייט האָבן זיי פאַרלוירן זייער ווילן, אָדער די פעייקייט צו גלאַנצן.

דאָס אַלץ האָט ער צונויפגעשטעלט נאָך וואָכן נישטערן אויפן "טאָלטשאָק", אין דער צוגרייטונג פון רעפּרעזענטירן זיך פאַר איר.

אין רענצל האָט דער דריי און צוואַנציק יאָריקער בחור געפירט דעם טרוים פון זיבעצן יאָריקן. מיט זיכערע טריט האָט ער זיך געלאָזט צום אַדרעס, ווו זי האָט אויף אים געוואַרט. אַזוי פיל האָט ער שוין געוווסט: זי האָט איבערגעלעבט, און זי וואַרט...

פאַר די אויגן האָט ער תמיד געהאַט דאָס זעלבע בילד; אַ ווייס זומער־קליידל, באַשפּרענקלט מיט גרינע אַרבעסלעך; צוויי יונגע, מיידלשע בריסט וואָס האָבן זיך גענומען אויסרונדיקן פון אונטער דעם איינגעצויגענעם וועסטל: די האַלב־נאַקעטע

הענט זענען געווען ווייכע, פולע, רונדיקע. אויפן האַלדז - בורשטינענע קרעלן מיט וועלכע זי האָט זיך נערוועז אַרומגעשפּילט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט אירע הענט. מיט אויגן פון אַ דערוואַקסענעם האָט ער געקוקט אויפן מיידל, און געזען אַ קינד, כאָטש אין זיין מחשבה האָט זי שוין פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ ווייב.

איז ווי זשע רעדט מען מיט אַ קינד וועגן ענינים פון מאַן און ווייב?

ער האָט גענומען גיין לאַנגזאַמער, זוכנדיק דאָס נויטיקע וואָרט צו זאָגן איר, וואָס ער פילט. די טיר האָט אויפגעמאַכט אַ פרוי. זי איז אים געווען אי קענטלעך, אי פרעמד. ערגעץ ווו האָט ער זי שוין באַגעגנט, אָבער ווו? דאָס וועט ער שוין געוויער ווערן שפּעטער. דערווייל אָבער קאָן מען דאָך ניט שטיין און קוקן, ווי אַ שטומער. מען מוז דאָך עפּעס זאָגן:

-ווינט דאָ פּערל ברייטמאַן? -האָט מאָמע לעוו ניט דרייסט אַ פרעג געטאָן.

-מאָמע לעוו - האָט די פרוי מיט שטוינונג אויסגערופן - פון וואַנען האָט דיך דער רוח אָנגעטראָגן?

די שטים איז געווען די זעלבע, און דער אופן פון אויסדריקן איר איבעראַשונג האָט קיין צוויפל ניט איבערגעלאָזט, אַז דאָס איז פּערל ברייטמאַן, דאָס מיידל וואָס האָט אים אַרויסבאַגלייט צום טויער. אין קעל האָט אים פאַרקלעמט. ער איז ניט געווען בכוח עפּעס צו ענטפערן אויף אָט דער מאָדנער פראַגע: - ווייס זי דען ניט פון וואַנען ער קומט אַצינד?! ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך. טרערן פון גערירטקייט האָבן אָנגעפילט די אויגן.

***

דאָס איז געווען מאָמע לעווס נייער אָנהויב.

ווען מאָמע לעוו טוט אַ קוק מיטן בליק פון אַ דערפאַרענעם אויף די פערציק יאָר וואָס זענען פאַרביי פון יענעם אָנהויב - אויף די קינדער, די וווינונגס-בלאָקן וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, טוט ער אַ טראַכט, אַז די פירנדע אַקס פון זיין לעבן איז געווען דער דראַנג צו דערגרייכן רייכטימער. און די טרייב-קראַפט פון דער פירנדער אַקס?

מאָמע לעוו איז זיך מודה, אַז דאָס איז געווען פּערל. כאָטש זי האָט עס אים ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען, האָט ער איר קיין מאָל ניט געוואָלט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און עס צוגעבן אין דער סביבה פון פריינד. פּערל האָט אינסטינקטיוו באַנומען ווי מענטשן פירן זיך אין נייעם לאַנד, און וועלכן יחוס מען דאַרף פאַרמאָגן. כדי צו זיין מיט לייטן גלייך. זי האָט באַנומען, אַז געלט איז אי יחוס און אי אָנזען. עס גיט דאָס רעכט צו פּרעטענדירן פאַר אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געזעלשאַפט.

די טעכנישע שול, וואָס איז געווען מאָמע לעווס אָנהויב אין יענע פאַרגאַנגענע יאָרן, האָט אין אים איינגעפלאַנצט די נייגונג צו טראַכטן מיט קאָנקרעטע טערמינען. (דאָס האָט אים אויך געהאָלפן אין פונאַנדערקלייבן זיך אין די בוי-פּלענער פון די געביידעס, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט) און אויך אידעען, ווו מאַטעריעלע ווערטן האָבן ניט פאַרנומען דעם אויבנאָן. אין יענע יאָרן, ווען יעדער יונגער מענטש האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אידעאַליסט, זענען מאָראַל, סאָציאַלע גערעכטיקייט און גייסיקע ווערטן געווען די מאָסן צו באַשטימען די ווערט פון אַ מענטש.

די פּראָלעטאַרישע יוגנט-חלומות האָבן מער ניט געהאַט קיין האַפט אין זיין ווירקלעכקייט. - זיי זענען טאַקע געווען שיין - זאָגט מאָמע לעוו, אָבער נאַיוו...

ער איז צופיל אַריינגעטאָן אין דער רעאַליטעט פון היינט, צו קאָנען טאָלערירן די נאַיוויטעט פון זיין יוגנט. די רעאַליטעט פון היינט האָט פאַרלאַנגט אַנדערע קוואַליטעטן,

כדי צו ווערן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט, מאַמע לעוו האָט די קוואַליטעטן פאַרמאָגט און די נייע סביבה האָט עס אָקצעפּטירט.

- פּאַרוואָס זענען זיי בלינד צו דער ווירקלעכקייט? -האָט מאַמע לעוו געטראַכט וועגן זיינע פריינד פון די יוגנט יאָרן, וועלכע פאַרלאַנגען נאָך אַלץ פון אים, ער זאָל רעספּעקטירן זיין נעכטן. ער האָט זיך געפונען אין אַ מין קעסל־גרוב, ווו פאַרשידענע שטראָמען האָבן אים געצויגן פון איין ריכטונג צו אַ צווייטער, און ניט געגעבן קיין רו.

יאָרן האָט מאַמע לעוו געבענקט נאָכן טאָג, ווען ער וועט קאָנען אויספּילן זיינע טעג מיטן בלויז וועלכן אים פעלט: די איבערגעריסענע שול־יאָרן...

ווען דער טאָג איז ענדלעך געקומען און זיינע ניט דערפילטע פאַרלאַנגען האָבן אָנגעהויבן אָננעמען צופרידנשטעלנדיקע פאָרמען - האָט ער מיט אַ מאָל חרטה געקראָגן אויפן גאַנצן עסק. ער האָט פאַרלוירן די ריכטונג, ווי די פירנדע אַקס וואָלט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט, און איבערגעלאָזט די ברירה צו אים אַליין. אין אָט דער צעמישונג האָט רעליגע גענומען אויסזען ווי אַ באָדן אויף וועלכן מען קאָן געפינען מנוחה. מיטן גלויבן, אַז אין דעם אייביקן בוך, ווו עס איז פאַרשריבן די געשיכטע און די חכמות וואָס אַ פאָלק האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרטויזנטער, וועט ער סוף כל סוף געפינען זיין גייסטיקע רו. די פאַרענטפערונג פאַר די פראַגן וואָס מאַטערן אים. האָט ער זיך גענומען צו שטודירן דעם תנ״ך.

קיין חדר האָט מאַמע לעוו קיין מאָל ניט באַזוכט. האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט דער יהואש איבערזעצונג, וואָס ער האָט זיך פאַר דעם צוועק איינגעשאַפט.

פאַר אים איז אין תנ״ך אַלץ געווען אַ נייעס. אומעטום האָט ער געפונען סימנים פון זיין אייגן לעבן. האָט ער דאָך אויך געאַרבעט עבודת פרך און איז שפּעטער - צוליב אַן אָפּמאַך - אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. פערציק יאָר האָט ער געוואַנדערט אין מידבר. געוויס - אויסטראַליע איז פאַר אים געווען אַ גוטער מידבר. פול מיטן מן, אָבער אַצינד האָבן די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר אויסגעזען ווי אַ גייסטיקער מידבר. - אָבער די יידן אין מדבר האָבן דאָך געהאַט אַ ציל - האָט שוין מאַמע לעוו געפירט דעם וויכוח מיט זיך אַליין. אַ פירנדע אַקס. אַ ריכטליניע. זיי האָבן אַפילו געוווסט, וואָס עס וועט געשען, ווען זיי וועלן אַדורכגיין דעם מדבר.

און אַזוי האָט מאַמע לעוו געלערנט: בעמוד אש.

20 - און זיי האָבן געצויגן פון סוכות און האָבן גערוט אין אתם ביים עק מידבר.

21 - און גאָט איז געגאַנגען זיי פאָרויס, בייטאָג אין אַ זייל פון וואָלקן, זיי צו פירן אויפן וועג און ביינאַכט אין אַ זייל פון פייער, זיי צו לייכטן, כדי צו קענען גיין בייטאָג און ביינאַכט.

22 - דער זייל פון וואָלקן פלעגט זיך ניט אָפּטאָן ביי טאָג, און דער זייל פון פייער ביינאַכט, פון פאַרן פאָלק.

ווען מאַמע לעוו האָט אָנגעווירן דעם מוט נאָכצופאָלגן זיין גייסטיקן עמוד אש - האָט פּערל ווי תמיד, אים געוויזן אַ נייעם וועג, אין וועלכן עס איז אויך דאָ אַן אָרט פאַר איר.

דאָס האָט שוין אָבער באַדייט - מאַמע לעווס קאַפּיטולאַציע. ער האָט שלום געמאַכט מיטן גורל - אָבער ניט מיט זיך.

עקיבא פישבין / ירושלים

# פיר סוטין־פּאָרטרעטן פון מאָדיליאַני



דאָס התנהגות פון יונגן סוטין אין פּאַריז האָט אַרום אים געבוירן אַ קלימאַט פון לעגענדעס. דער עולם האָט גערעדט און... באַרעדט. עד היום דערציילט מען וועגן סוטינען מעשיות, פּיקאַנטע עפּיזאָדן; אָפּט מאָל, אויסגעזויגענע פון פינגער... ווער ס'האָט סוטינען בלויז איין מאָל באַגעגנט האָט געהאַלטן, אַז "פאַר דער אייביקייט" איז כדאי צו ברענגען דעם "גאַנצן אמת" וועגן דער מאָדנער געשטאַלט פון יונגן סוטין.

וועגן סוטינען קאָן מען הערן אַן אַ שיעור "קלאַרע באַווייזן", אַז ער איז עפּעס נישט געווען מיט אַלעם... יאָ, שוין אין זיין שטעטל סמילאָוויטשי האָבן יידן, צוליב דער נייגונג זיינער צו צייכענען, געהאַלטן, אַז חיימקע איז לא עלינו נישט מיט אַלעם...

היות די אַלע פּאַריזער גבית עדות זענען אַ שפּאָר ביסל פאַלש, און אין תוך איבערגעטריבן – איז אַ יושר צו באַטראַכטן די סוטין פּאָרטרעטן, וועלכע קינסטלער האָבן געשאַפן בעת ער איז יונג געווען. פון זיי קאָן מען אַ סך לערנען; אַ גוטער קינסטלערישער פּאָרטרעט איז בלי ספק אַ מער זיכערער עדות, ווי די "באַווייזן" פון דעת־הקהל.

טשיקאַווע – קינסטלערישע פּאָרטרעטן זענען פון יונגן סוטין פאַראַן שפּאָר. אפּנים, אַז סוטין האָט יונגערהייט געלאָקט דעם אויפמערק פון קינסטלער. זיי גראָד האָבן געהאַט חשק צו וואַרפן אַ בליק אין זיין נשמה און פּרווון עפּעס פאַרשטיין. פון די שפּעטערע יאָרן, ווען סוטין איז מיט אַ שם געשטאַנען אין די פעדערן, פון דעמאָלט איז פאַראַן דווקא פּאָטאָס אַ סך; זעלטן אָבער אַ פּאָרטרעט.

הכלל – וואָס דערציילן די פּאָרטרעטן וועגן יונגן חיים סוטין? ווי אַזוי זעען פּאָרטרעטיסטן זיין נשמה?

אַ פּאָרטרעט פון סוטינען האָט אין ווילנע (אין 1912) געצייכנט זיין חבר קיקאָין, בעת זיי האָבן געלערנט קונסט צוזאַמען. געווען איז דאָס ערב סוטינס נסיעה קיין פּאַריז: ערב זיין גורלדיקן משנה מקום משנה מזל...

האַלבוועגס לייטיש אָנגעטאָן, זעט ער אויס, דער יונגער חיים, אויפן פּאָרטרעט, אַ צופרידענער, אויף זיין פּנים וויקלט זיך אַ שמייכעלע. אין דמיון זעען שוין זיינע אויגן די פּאַריזער הימלען, וועלכע וועלן אים מקבל פּנים זיין מיטן משה מזל. נו, שמייכל ער, חיים, ער טראַכט וועגן די זיסע מאָרגנס פול מיט פרייד... אינעם סוטין־פּאָרטרעט פון

קיקאָין (פּריוואַטע קאָלעקציע - ז' 13 אין "חיים סוטין" - ווערקפערצייכניס, טאַשן־פאַרלאַג, קעלן 1993) אָטעמט די האָפענונג!

ליידער, די פּאַריזער גראָע הימלען האָבן סוטינען אַנטוישט. די מאָרגנס פון משנה מזל האָבן געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן... דער פּאַריזער קבלת פּנים איז געווען אַ קלאָגעדיקער; אָפּגעטראָגן האָט זיך פון יונגן סוטינס פּנים דער שמייכל. אין זיינע אויגן האָט זיך אָן אומרו באַוויזן. אויף ס'נייַ האָט דער אַנגסט אין אים זיך צעוויכערט.

די דראַמע פון סוטינען - זי ליגט פאַרקריצט אין די סוטין־פּאָרטרעטן, וועלכע מאָדיליאַני האָט געמאָלן.

מאָדיליאַני - ער איז דאָס געווען אַ מבין אויף סוטינען!

צווישן די אַ צוויי יידישע יונגעלייט ליגט דאָך, אין אמתן, אַ תהום: און דאָך - ווער, ווי מאָדיליאַני האָט באַנומען אַזוי קלאָר דאָס ווילדע ברומען פון דער סוטין־נשמה?

מאָדיליאַני איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט, אַז אין דעם מאָדנעם בחור פון פאַרוואָרפענעם ווינקל אין צאַרישן תהום המושב שטעקט אַ גאון פון מאָלעריי.

וועט איר פרעגן - ווי קומט עפּעס מאָדיליאַני פון ליכטיקן איטאַליע, דער אין די פערזן פון דאַנטע און פּערטראַרקאַ אויסגעוויקלטער, צו דעם נישט געהובלעוועטן חיים פון סמילאָוויטשי?

איז די מעשה דערפון אַזוי -

לויט ווי ס'דערציילט אין איר בוך די טאָכטער פון מאָדיליאַני, האָט איר פאָטער, גלייך נאָך סוטינס אָנקום קיין פּאַריז (אין 1913), אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ טאָג צו אים, אַ קוק געטאָן, ווי ס'הילעכט אין זיינע בילדער אַ שטורעם־מוזיק מיט דונער און בליץ, אַוועק פון אים איז ער שוין אַ טיף באַרוישטער (מאָדיליאַני אָן לעגענדעס", פּאַריז 1961).

געוויסע היסטאָריקער האַלטן גאָר אַז אין יאָר 1915 האָט דער סקולפּטאָר זשאַק ליפּשיץ געבערענגט זיין פריינד מאָדיליאַני צו סוטינען. די אָ ווערסיע איז מסתם אַ ריכטיקערע. אַלזאָ, נישט אַלע אין דער יידישער סביבה פון בשעתו האָבן סוטינען באַטראַכט פאַר אַ "שמירער", וואָס וועט די גרענעץ פון מאָנפּאַרנאַס נישט אַריבער. זשאַק ליפּשיץ, אַ פּאַריזער זייט עטלעכע יאָר שוין, ער דווקא, האָט וועגן יונגן חיים געהאַט אַ צווייטע מיינונג. ער האָט חיימען אָבסערווירט נאָך אין ווילנע, ווו זיי האָבן אַ שטיקל צייט צוזאַמען געלערנט תורת קונסט. דאָרט שוין האָט זשאַק ליפּשיץ אינעם אַנגסטיק־אומרויקן בחור דערשפּירט אַ נישט פּשוטן כוח־היצירה! עפּעס האָט זיין פענדזל געלאָזט "הערן" שאַרפע דבורים. איצטער, וואָס שייך זיינע געדאַנקען וועגן קונסט - נישקשה - זיי איז כדאי אויסצוהערן מיט קאָפּ!

חיים איז אַ בחור - שוין ווייט נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אלא די התנהגות זיינע; אַ מאָדנער פּאַרשוין דער אָ חיים... מילא, נאַיוו איז דער יונג, ווי אַ פּיצל קינד. אָבער אַ כאַראַקטער שטעקט אין אים, אַז באַשירעמט זאָל מען ווערן... פון וואַנען נעמט זיך צו אים דער מאָדנער געמיש פון מילדקייט און ווילדע אַגרעסיוויטעט?! נו, און די ביטערע איינזאַמקייט זיינע... וואָס איז דאָ שייך - דער חיים איז אַ געניג קאָמפּליצירטער פּאַרשוין.

און אַז זשאַק ליפּשיץ האָט זיך באַרעכנט, איז ער געקומען צום שכל, אַז דאָס האָט די שרעק איז יידישן לעבן צעראַצט די נשמה פון בחור, דער פּחד, וואָס האָט פון אים אַ תל געמאַכט, באַווירקט זיין ווילדע האַנדלונג. וואָס איז אייגנטלעך דער וואונדער? ווען

חיים סוטין האָט געעפנט די אויגן ביים געבורט, איז דאָך זיין וועלט, דער באַגרענעצטער תחום המושב, מיט פאַרבאָטן אויף שריט און טריט - אַ באַגרענעצטע פּערספּעקטיוו צו אָטעמען. און ועל כולם די געפאַר פון פּאָגראָמען... ובכן האָט די פילבאַרע נשמה פון חיים סוטין, גלייך אין קאַיאַר פון זיין לעבן, באַקומען אַ קלאַפּ! די נאָכווייען לאָזן זיך פילן אין זיין געמיט! פון יעדן בילד זיינעם שרייען זיי געוואַלד!

יאָ - דער פראַנצויזישער מייסטער גאָגען איז גערעכט, "דאָס ווערק פון קינסטלער איז אַ פּירוש אויפן בעל היצירה".

נאָך אַ יישוב־הדעת האָט זשאַק ליפשיץ באַשלאָסן - ער ברענגט מאָדיליאַני צו סוטינען, זאָל ער אָנקוקן זיינע בילדער, זאָל ער זען און פילן דעם צער פון אַ יידישן בחור אינעם תחום המושב.

מאָדיליאַני איז געקומען, געזען און אַוועק איז ער פון סוטינען אַ איבעראַשטער, מיט אים פאַרברידערט וועט ער שוין בלייבן - עד יום מותו.

מען דאַרף באַמערקן - צו דער צייט איז מאָדיליאַני אין פּאַריז נישט קיין פּנים חדשות. ער איז אויפן מאָנמאַרטר און מאָנפּאַרנאַס אויסגעקאָכט אין אַלע יונגע קרייזן פון קונסט און פּאָעזיע. אַלע נייע "איזמען" זענען אים באַקאַנט - צו זיי באַציט ער זיך מיט אויפמערק און רעספּעקט. און דאָך איז ער פון זיי נישט איבעראַשט.

גראָד צו סוטינען איז מאָדיליאַני צוגעפאַלן אַ באַצויבערטער - אַן איבעראַשטער. אַ חידוש? ניין, ס'איז נישט קיין חידוש! מאָדיליאַני, שרייבט זיין טאָכטער אין איר פאָרשונג, האָט אין די סוטינישע בילדער "דערהערט" די טריט פון אַ מייסטער וואָס שפּאַנט צו גלאָריע!

איבעראַשט פון סוטינס קרעאַטיווע פּאָטענצן, האָט מאָדיליאַני דעם קנאַפּ געהובלעוועטן בחור געוואָלט פאַרשטיין מיט שכל; האָט ער זיך שוין צו אים דערנענטערט. און אַז ער האָט דעם חיימען מיט מזל פאַרשאַנען, האָט ער גענומען שאַפן פון אים פּאָרטרעטן, פיקסירן די דראַמע פון דער סוטין־געשטאַלט האָט מאָדיליאַני באַשלאָסן.

הכלל - וואָס "דערציילט" דער ערשטער גרויסער סוטין פּאָרטרעט, וואָס מאָדיליאַני האָט געמאָלן אין 1916? (אין פּריוואַטע קאָלעקציע אין פּאַריז: אַ פּאָטאָ - אין קאַטאַלאָג פון מאָדיליאַני־אויסשטעלונג אין שטאַטישן מוזעאום פון מאָדערנער קונסט אין פּאַריז 1981 ז' 123. דאָס ערשטע וואָס טוט אַ שלאָג אין די אויגן אין דעם אָ סוטין־פּאָרטרעט איז די סובטעלע איידלקייט, דער חן פונעם יונגן חיים סוטין. מאָדיליאַניס "חיים סוטין" איז עפּעס גאָרנישט דער "אָפּגעריסענער־פאַרחושכטער פאַרשוין" פון די גבית עדותן "פאַר דער אייביקייט"... מאָדיליאַני האָט סוטינען באַזעצט אין פּאָרטרעט אויף אַ שטול, אים פאַרמלבושט אין אַ פיינעם געלבלעכן זשאַקעט, פאַרקנעפּלט ביז צו זיין הויכן דין געשניצטן האַלדז. אַ שוואַרץ־געדיכטער קאָפּ האָר, פאַרקעמט - מעשה קינסטלער - באַקרוינט דאָס פיינע לענגלעך, עטוואָס קאַנטיק, געפורעמטע געזיכט. די ראָזשינקע פון איידעלן פּנים, דאָס זענען די טרוימערישע מאַנדל־אויגן און די רויט־פלאַמיקע ליפּן פון סענסועלן מויל. דער יונגער חיים איז עפּעס גאָרנישט אַזאַ אָפּשטויסנדיקע בריאה, ווי די "עדות" האָבן אים געשילדערט. לפי מאָדיליאַני מאַכט ער דווקא גאָר אַ גוטן איינדרוק! זאָל מאָדיליאַני האָבן זיין חבר סוטין, אויס רעספּעקט, אויס אָנערקענונג, אַ קאָפּעטשקע אידעאַליזירט?

דאַכט זיך - מאָדיליאַני האָט גאָרנישט אַזוי איבערגעכאַפּט די מאָס; ווייל אַז מען באַטראַכט דעם סוטין־פּאָרטרעט, וועלכן די יונגע רוסישע מאָלערין מאַרעוונאַ האָט

געמאָלן (אין "פּטיפּאָלע" מוזעום, אין זשענעוו) איז דער יונגער חיים אַ גאַנץ סימפּאַטישער בחור - אַ מאַן - שוין גאָרנישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט...

ווי געזאָגט, זיצט מאָדיליאַניס "חיים סוטין" אויף אַ שטול און ער פּאָזירט דאַכט זיך, רויק און שטיל. און דאָך... עפּעס זעט ער אויס צעטראָגן! עפּעס קאָכט אין אים אַ קעסל! זיין רויקע האַלטונג איז אַ בעל כרחו רויקייט, זיין זיצן האָט אַ מראה גלייך ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ געפּאַר... אויף זיין פּנים שפּאַצירט אַן אומעט, זיינע אײדעלע הענט, די קרעאַטיווע, ליגן ביי אים אַפּאַטיש אויף די קני - כאילו - וועמען זענען זיי שוין נויטיק...

פון אַלע סוטינס גלידער שפּאַרט אַרויס דער אומרויקער אָטעם פון זיין נשמה! דער דאָזיקער סוטין־פּאָרטרעט איז אַ דאָקומענט. מאָדיליאַני האָט אים באַוואָשן מיט אַ שאַרפער ליכט, אַז די פּערזענלעכקייט פון יונגן סוטין זאָל קריגן רעליעף!

חיים סוטין איז פאַרבליבן אַ לאָקאַטאָר אין "לאַ־ריש" ביז סוף יאַנואַר 1916. געזען, אַז דער בחור קען נישט איבערטראָגן די קאָשמאַרנע שכנות פון שעכטהויז, האָט אים מאָדיליאַני גענומען אין זיין "מלך אביון־שלאָס" אין דער געגנט פון מאָנפּאַרנאַס. לויט אַ גבית־עדות פון פּנחס קרעמען, האָבן זיי דאָרט, אין דער ענגשאַפט, געלעבט און געשאַפן צוזאַמען. אַז די צוויי יידישע בחורים האָבן זיך מער נאָך דערנענטערט, האָט מאָדיליאַני אַנטדעקט אין יונגן חיים אַ בענקשאַפט נאָך אַ ביסל פרייד אין לעבן. עפּעס האָט ער איינגעזען, מאָדיליאַני, אַז חיים איז פון זעלבן טייג געקנאָטן וואָס אַלע יונגעלייט אין דער קינסטלערישער סביבה, אויך ער וואָלט זיך וועלן אַ צעלאָז טאָן... וואָלט נאָר דער לאַסטיקער פאַנצער פון אַנגסט נישט געהאַמעוועט, וואָלט נאָר דער לאַוו פון דער יידישער סביבה פון סמילאָוויטש אים נישט געשראָקן, וואָלט דער יונגער סוטין אוודאי געווען אַ צווייטער מענטש. ווייל, אַז מען באַרעכנט זיך, איז דער פיינער סוטין־פּאָרטרעט פון דער יונגער מאַרעוואַ (זי האָט אין "לאַ ריש" געוווינט זייט 1912) אפשר אַ סימן פון אַ געוויסער נאָנטקייט צווישן די צוויי יונגע מענטשן.

אַלזאָ - דאָס נישט זעבאַרע אין דער סוטין־געשטאַלט, די בענקשאַפט זיינע נאָך אַ ביסל פרייד אין לעבן - דעם אַספּעקט. האָט מאָדיליאַני באַשלאָסן אַרויסברענגען אין אַ פרישן פּאָרטרעט אין 1917 (געפינט זיך אין "נעשאָנעל גאַלערי אָף אַרט" אין וואַשינגטאָן).

דאָ, אין דעם פּאָרטרעט, זיצט סוטין ביי אַ טיש, אַן אויסגעסטראָיעטער פראַנט, ביי אַ סעודה עפּעס אויף אַן עלעגאַנטער אויפנאַמע... אים איז דאָך גאָרנישט צו דערקענען! דאָס איז סוטין?

יאָ - אויך דאָס איז סוטין - ווילל אונדז זאָגן מאָדיליאַני...

פון חיימס פּנים איז אַוועק דער אומעט... אַן אויפגעלייגטקייט האָט זיך דאָרט איצט באַזעצט... עפּעס דאַכט זיך, אַז דער בחור וועט זיך באַלד לאָזן ווילגיין!...

דער אָ סוטין־פּאָרטרעט פון מאָדעליאַני, דאַרף מען מודה זיין, איז אַ סאָרט יחיד־במינו.

דעם אמת געזאָגט - שווער זיך פאָרצושטעלן דעם יונגן חיים סוטין אין אַזאַ לוסטיקן מעמד. און אפשר האָט דער קלוגער מאָדיליאַני אויסגעוויקלט גאָר אַן אימאַגינירטן פּאָרטרעט, אַנצוטייטלען דווקא אויף אַ פאַרבאָרגן ווינקל אין דער נשמה פון טרויעריקן בחור. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, דער אָ פּאָרטרעט איז אויך אַ וויכטיקער דאָקומענט. מחמת, וועד ווי מאָדיליאַני איז בכוח געווען אַזוי אָפּצושאַצן, דעם יונגן סוטין?

מילא, מאָדיליאַני איז דאָך אַ מבין אויף חיים סוטין, ער באַגרייפט זיין טאַלאַנט,

זיין כוח־היצירה - ער קאָן זיין נשמה פון אַלע אירע פאַלדן אַרויסלייענען - ער איז אָבער נישט קיין פאַנאַטישער חסיד סוטינס. פאַר דער אייביקייט וועט מאָדיליאַני דעם קלענסטן שאָטן פון סוטינס כאַראַקטער נישט פאַרדעקן. אַ סימן - דער דריטער סוטין־פאָרטרעט מאָדיליאַניס געצייכנט אין 1917 (פריוואַטע קאָלעקציע, קאַטאַלאָג - מאָדיליאַני אויסשטעלונג אין פּאַריז 1981 ז' 209).

בליץ־שנעל, מיט שפּאַרזאַמע בלייפעדער־ליניעס, האָט מאָדיליאַני אויסמאָדעלירט דעם צעשרויפטן חיים סוטין. פאַר אונדזערע אויגן שטייט אַ נעבעכדיקער יונגער מענטש. זיין קערפּער, ווי אונטער אַ שווערער לאַסט, גייט אָט־אָט זיך איינברעכן... און אפשר גאָר זיצט ער, חיים, אַזוי אין זיינע צרות אויף אַ שטול. זיין איידל פנים איז פאַרצאַרנט און פאַרצערט. דער שיין פאַרקעמטער קאָפּ געבויגן צום רעכטן אַקסל, די איידעלע הענט זיינע פאַלן אים אַפּאַטיש צו די קני... וויי איז צום אָרעמען חיים, נעבעך...

מאָדיליאַני זעט איצט דעם יונגן בחור אַן אויסגעצוואָגענעם אין בראַנדיקע ליידן! אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן - דעם אָ בליציק געצייכנטן פּאָרטרעט האָט מאָדיליאַני פאַרפיקסירט אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, און צוגעשריבן - "סוטין", אַז מען זאָל חס וחלילה קיין טעות נישט מאַכן. אָט, איז דער גבית־עדות פון מאָדיליאַני פאַר דער אייביקייט. ווי אַן ערלעכער קינסטלער וועט ער די נשמה־ראַצן פון חיים סוטין בשום אופן נישט פאַרהוילן. ער טאָר דאָס נישט טאָן. פּיקאַסאָ זאָגט, אַז "קונסט איז די טאָכטער פון טרויער און ליידן" ובכן, "דערציילט" ער, מאָדיליאַני, דעם "טרויער און ליידן" פון חיים סוטין!

נאָכפלאַפּלען די באַרעדער, אַז סוטין איז אַ פאַרשוין - "אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן" - דאָס וועט איר ביי מאָדיליאַני נישט פועלן! איז להכעיס די "אמת זאָגער", האָט מאָדיליאַני דעם צערודערטן חיים (אויפן פּאָרטרעט) פאַרמלבושט דווקא לייטיש. חיים טראָגט דאָרט אַ שיין וועסטל: אַפילו אַ קראַוואַט האָט ער אים אויסגעבונדן אויפן האַלדז! זאָל ער אויסזען לייטיש דער אָרעמער טאַלאַנטפולער בחור.

יאָ, מאָדיליאַניס רעספּעקט פאַר סוטינען איז אין לשער! מילא, דאָס זעט מען דאָך אין אַלע זיינע פּאָרטרעטן - און דאָך צומבולטסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אינעם פערטן סוטין־פּאָרטרעט ("שטאַטסגאַלערי" - שטוטגאַרט) - מאָדיליאַני האָט אים געמאָלט צווישן 1916-1917. דאָ פילט מען איצט מאָדיליאַניס טיפן פאַרנייג פאַר סוטינס קינסטלערישע יכולת!

אין דעם אָ פּאָרטרעט פאַרנעמט דאָס פנים פון יונגן בחור צוויי דריטל פון אַ גרעסערער לייוונט. מאָדיליאַני איז דאָך כידוע אַ פּאָרטרעטיסט וואָס רעדט רייד, האָט ער דאָס יונגע פנים פון חיים סוטין באַגאָסן מיט אַ קלאָרע שאַרפע ליכט: און באַזעצט דאָס פנים האָט ער אויף אַ הויך־הויכן דיקן האַלדז מיט אַ מראה פון אַ קאָלאָנע פון ווייסן איידעלן מאַרמאָר! אין דעם לענגלעך־געשניצטן פנים, מיט דער עטוואָס פלאַטשיקער נאָז און רויט סענסועלן, האַלבוועגס אָפענעם מויל, שטעקט אַ סך כאַראַקטער.

פאַראַן אין פנים פון יונגן חיים אַ קילע באַטראַכטקייט. אין זיינע פאַרזשמורעטע מאַנדל־אויגן, אונטערן הויכן שטערן, שטעקט אַ זאַכלעכער בליק. אַוועק איז פון אים דער אַנגסט און פחד. אַ שמץ פון פרייד גראָד האָט זיך באַוויזן אויף דעם יונג־שטאָלצן פנים. ס'דאַכט זיך, אַז עפּעס אַ העזהדיק גלאַנצל פון איראָניע אַפילו בלאָנדזשעט אויפן קלוגן פנים... חיים, נישקשה, ער האָט דערבליקט דעם צוועק פון זיין עקזיסטענץ. ◄

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **דוד וואָלפּע**: "איבער מיינע וועגן", לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען, 260 זז׳, יאָהאַנעסבורג, 2002. הילע און אילוסטראַציעס געצייכנט דורכן מחבר. חוץ די פּאָעטישע שאַפונגען זענען פאַראַן אויך אין בוך אַ ריי דערציילונגען, אַ גאַנצער אָפּטייל אָפּשאַצונגען פון אָנגעזעענע שרייבערס און קריטיקערס וועגן דוד וואָלפּעס ווערק, ווי אויך אייניקע שאַפונגען זיינע אין העברעיש און ענגליש.

דוד וואָלפּע איז דער מחבר פון אַ צאָל ווערק - לידער, דערציילונגען און עסייען, מיט וועלכע ער האָט אַריינגעשריבן אַ וויכטיק בלאַט אינעם יידישן ליטעראַטור־אוצר. דאָס איצטיקע בוך איז אַ מין סך־הכל פון אַ לאַנגן לעבנס-וועג וואָס האָט אים געפירט פון זיין היימשטאָט קיידאַן אין דער ליטע, דורך די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביז יאָהאַנעסבורג אין דרום־אַפריקע, וווּ ער איז געוואָרן אַ תושב אין יאָר 1951. אָט דער לעבנס־וועג באַקומט אַ קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג אין אַלע זיינע ווערק. מיט רעכט שרייבט דוד וואָלפּע אין זיין גרעסערער פּאָעמע א״נ "קיידאַן - מיין וועלט": "איך אַליין בין דער כראָניקער / וואָס די ציטן און יאָרציטן זענען אויף זיין לייב פאַרקריצט".

* **אלכסנדר שפּיגלבלאַט**: "בלאָע ווינקלען", איציק מאַנגער - לעבן, ליד און באַלאַדע, 445 זז׳, י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, 2002. דאָס איז אַ קינסטלערישע מאָנאָגראַפיע וועגן לעבן און שאַפן פונעם גרויסן דיכטער וואָס פירט דעם לייענער איבער אַלע וועגן און אומוועגן פון מאַנגערס וואַנדערונגען, אָפּשטעלנדיק זיך אויף באַזונדערע "ביאָגראַפישע סטאַנציעס", וואָס דערלויבן אַריינצובליקן אין די סביבות וואָס האָבן געווירקט און באַווירקט דעם דיכטער. פון אלכסנדר שפּיגלבלאַטס "בלאָע ווינקלען" גייט אויף אַ העלע שיין, ווי אַן אָרעאָל, איבער דער קרוין פונעם וווּנדערלעכן ליד־און באַלאַדע־זינגער איציק מאַנגער.

* **רבקה באַסמאַן בן־חיים** "אויף אַ סטרונע פון רעגן", לידער, 112 זז׳, פאַרלאַג "ישראל בוך" תל־אביב, 2002. צייכענונגען: מולה בן־חיים, הילע: חיים רון. ווי ליכטיקע פּערל אַרויפגעצויגענע אויף אַ רעגן־סטרונע, פאַלן די שפּאָרעוודיקע ווערטער־לידער רבקה באַסמאַנס טראָפּן ביי טראָפּן מיט אַ דין־דינעם קלאַנג אינעם לייענערס האַרץ.

---

אָט, גייט ער זיך אַ לאָז טאָן אין אַ פאַרמעסט, וועט זיין פּאַלעטע דונערן און בליצן!

דאָס אַ פּאָזיטיוו־האָפּערדיקע וואָרט האָט מאָדיליאַני געלאָזט הערן וועגן חיים סוטין, דעם אָרעמען און פאַרשטויסענעם בחור פון סמילאָוויטשי, אין 17-1916!

* * *

די סוטין־פּאָרטרעטן פון מאָדיליאַני זענען בלי שום־ספק אַן ערלעכער גבית־עדות פון אַ קינסטלער - אַ מבין. אויף אַן הוספה זענען זיי אַ לירישע פּאָעמע, וואָס מאָלט די דראַמע פון יונגן סמילאָוויטשער בחור.

אַן אַפּאָטעאָז איז דער פּערטער, קאָלאָנע־אַרטיקער, פּאָרטרעט. דאָרט שמעקט מיט אַן הבטחה, אַז בקרוב בימינו וועט קומען די אָנערקענונג. דער גאונישער חיים סטוין דער געמאַטערטער ייד פון צאַרישן תחום המושב, וועט באַטראַכט ווערן פאַר איינעם פון די זיילן אינעם היכל הקונסט!

הכלל - מאָדיליאַני האָט קיין טעות, נישט געהאַט!

אָט די ריינע, פֿיינפֿילנדיקע ליריק, וואָס איז דער קען־צייכן פֿון רבקה באַסמאַן בן־חיימס גאַנצן שאַפֿן, איז דאָמינירט פֿון אַ באַזונדערער לעבנס־חכמה און סענסיטיווקייט צו נאַטור און מענטש. אין איינעם פֿון אירע לידער (ז׳ 87) שרייבט רבקה באַסמאַן בן־חיים: "איך טו ניט אָן און טו ניט אויס / די ווערטער. / איך גלעט זיי / מיט דער שטילקייט / וואָס איך אָטעם / אין זיי אַריין". לייענסטו די לידער אירע און דו פֿילסט דעם הייליקן הויך פֿון אָט דער שטילקייט, און דו ווילסט זי איינזאַפּן אין זיך אַלץ מער און מער, ווי אַ פֿאַרשיכורנדיקן געטראַנק.

* **ביילע שעכטער גאָטעסמאַן**: "פֿערפֿל שלענגט זיך דער וועג", לידער, 172 זז׳, אַרויסגעגעבן דורך דער יידיש־ליגע/אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 2002. אויטאָפּאָרטרעט און צייכענונגען פֿון דער מחברטע. דאָס איז דאָס פֿערטע לידערבוך פֿון ביילע שעכטער גאָטעסמאַן, זי האָט אויך אַרויסגעגעבן דריי קינדער־ביכלעך און צוויי זאַמלונגען זינגלידער. "פֿערפֿל שלענגלט זיך דער וועג" איז אַ זאַמלונג פֿון אָריגינעלע מאָלערשיע און אורבאַניסטישע לידער, טייל מאָל אַפֿאָריסטיש־שפּילעוודיקע און אַלע מאָל מיט אַן אָפֿן אויג און האַרץ צום אָרום.

* * *

* **"טאָפּלפּונקט"**, פּערטיליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָגעס, נומ׳ 6, ווינטער 2003, תל־אָביב. אויסגאַבע פֿון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פֿאַר יידישער קולטור, רעדאַקטאָר: ישראל רודניצקי.

* **"די צוקונפֿט"**, ספּעציעלער נומער – מיטן טראָפּ אויף יידישער מוזיק. אַרויסגעגעבן פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, אויגוסט 2002, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: איציק גאָטעסמאַן.

* **"יידישע קולטור"**, חודש־שריפֿט פֿונעם יידישן קולטור־פֿאַרבאַנד, נומ׳ 5–7, מאַי־יולי 2002, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: איטשע גאָלדבערג, רעדאַקציע־סעקרעטאַר: שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש.

* **"אויפֿן שוועל"**, געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פֿון דער יידיש־ליגע נומ׳ 326, אַפּריל־יוני 2002, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: מרדכי שעכטער.

* **"יוגנטרוף"**, אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל, נומ׳ 97, אויגוסט 2002, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: לאה ראָבינסאָן.

* **"אונדזער צייט"**, אָרגאַן פֿון קאָאָרדינירקאָמיטעט פֿון בונד, נומ׳ 7–8, יולי־אויגוסט 2002, ניו־יאָרק, רעדאַקטירט פֿון אַ קאָלעגיע.

* **"לעבנס־פֿראַגן"**, סאָציאַליסטישע שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור, יאַנואַר־פֿעברואַר 2003, תל־אביב. רעדאַקטאָר: יצחק לודען.

* **"יידישע העפֿטן"** נומ׳ 67, יאַנואַר 2003, פּאַריז. רעדאַקטירט דורך אַ קאָמיטעט.

* **"צום פּונקט"**, יידיש פֿון גרויס וואַשינגטאָן, נומ׳ 2, נאָוועמבער־דעצעמבער 2002, וואַשינגטאָן. יידיש־ענגלישער זשורנאַל. רעדאַקטאָר פֿון יידישן טייל: בערנאַרד קאָנאָפּקאָ; פֿון ענגלישן טייל: שעלבי שאַפּיראָ.

* **"דער אָנהייב"**, נומ׳ 31, 2002, מיאַמי ביטש, פֿלאָרידע. רעדאַקטאָר: אַלעק סילווער.

# כראָניק פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## האַרבסט 2002

* מוצאי שבת דעם 5־טן אָקטאָבער, אָנהייב פון נייעם קולטור־סעזאָן. אַ גאַסט פון ניו־יאָרק - **דזשאַש וואַלעצקי**, קאָמפּאָזיטאָר פון יידישער מוזיק און ליד, האָט גערעדט און געזונגען לידער אד"ט: געלעכטער אין יידישן פאָלקס־ליד.

* מוצאי שבת דעם 26־סטן אָקטאָבער, רעפעראַט פון **לילקע מייזנער** אד"ט: חיים פּאָטאָק און זיין שאַפונגס־וועג. מוזיקאַלישער טייל - **ריסאַ איגעלפעלד**.

* מוצאי שבת דעם 9־טן נאָוועמבער, לעקציע פון פּראָפ' **זשאַנעט האַדאַ** אד"ט: אין ניו־יאָרק מיט משה לייב האַלפּערן.

* מוצאי שבת דעם 23־טן נאָוועמבער, פּראָפ' **מאַרווין צוקערמאַן** רעפערירט אד"ט: די יידישע סוועטשאָפּ פּאָעטן. לידער פון די דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער און מאָריס ראָזענפעלד האָט געזונגען **עריק גאָרדאָן**.

* מוצאי שבת דעם 14־טן דעצעמבער, **הערשל האַרטמאַן** רעפערירט אד"ט: אַ נייער בליק אויף יידישע יום־טובים. נאָכן רעפעראַט איז געווען אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע.

## 2003

* מוצאי שבת דעם 11־טן יאַנואַר, אַ גאַסט פון פלאָרידע, די דיכטערין **טרוים קאַץ־העגדלער**, רעפערירט אד"ט: ליטעראַרישע מחלוקתן, און דער דיכטער מעינקע קאַץ, מיין פאָטער.

* מוצאי שבת דעם 25־סטן יאַנואַר, וואָרט־קאָנצערט פון אַקטיאָר **יעקב לעווין**, וועלכער האָט פאָרגעלייענט ווערק פון משה קולבאַק. נאַראַציע - **לילקע מייזנער**.

* מוצאי שבת דעם 8־טן פעברואַר, קאָנצערט־אָוונט מיטן אָנטייל פון באַקאַנטן חזן **הערשל פאַקס**. אין פּראָגראַם - לאָמיר זינגען יידיש.

* מוצאי שבת דעם 22־טן פעברואַר, דער באַקאַנטער פאָרלייענער **יעקב באַסנער** האָט דערמאָנט די כעלעמער "חכמים". מוזיקאַלישער פּראָגראַם: **רימאַ בערמאַן**.

* מוצאי שבת דעם 8־טן מערץ, אָוונט געווידמעט דעם יידישן וואָרט און קלאַנג אין לאָס־אַנדזשעלעס. מוזיקאַלישער טייל: **סעם קאַנווייזער**, פּיאַנאָ־באַגלייטונג - **אַנאַ קאַנווייזער**.

* מוצאי שבת דעם 29־טן מערץ, רעפעראַט פון **סאַבעל בענדער** אד"ט: אַוואַנגאַרד פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע.

**נתן שטיינמאַן**

---


## מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12027 Goshen Avnenu, Apt 7 • LA, CA 94009

Telephone: 310 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"